כי

בעזרת השי"ת

קונטרס

# שמח

# תשמח

## מרגלא בפומיה דאינשי

**איבער טויזענט שפריכ-ווערטער פון דער אלטער היים,**
**מקורם וביאורם**

**אידישע אויסדרוקען, וואס דאס ווארט רעדט פאר זיך,**
**איבער ארימע און רייכע, געלט און געשעפטן,**
**איבער שידוכים און שדכנות א. ד. ג.**


**המאסף, מחדש ומקבץ**

## אברהם מייזעלס

בעמח"ס מטבע שטבעו חכמים, שהכל ברא לכבודו,
והייתם לי סגולה, שיגרא דלישנא, ועוד

**מאנטריאל קאנאדא יצ"ו**

נכד הגאונים הקדושים
תפארת עוזיאל, נודע ביהודה, ב"ח, רמ"א, מגלה עמוקות,
תוי"ט, ערוך, מהר"ם מלובלין, ריה"ח, רש"י,
דוד המלך ולמעלה בקודש, זכותם יגן עליו ועכי"א



שנת **"הביאו ברכה וטובה לבתיכם"**
תשפ"א לפ"ק

Copyright 2020 ©

כל הזכיות שמורות להמחבר ויוצ"ח

אברהם מייזעלס

מאנטריאל, קאנאדא

RABBI ABRAHAM MEISELS

535 WISEMAN AVE. – MONTREAL, QC H2V 3K1 - CANADA

Tel. (514) 274-8805 - Cell. (514) 655-3248

abiemeisels@gmail.com

**כל מי שיש לו הערות חשובות, להוסיף או לגרוע, לבאר או להבהיר, להאיר ולהעיר, לחיוב או לשלילה, וכדומה. נא להודיענו בכתיבה תמה ולשלחו לכתובת של המחבר, והנני מכיר לו תודה למפרע ליישר כוחו וחילו לטיבותא**

◆◆◆

## על הטוב יזכרו

אמרתי להביע, מעמקי דליבאי, ברכה והודאה, כדת וכראוי, לכבוד ידידי הנכבד

מו"ה שמוא-ל וויינבערגער הי"ו

בעל מפעל 'הקולמוס' - 514-447-0149

עבור רוב יגיעתו, וגודל עבודתו, בעריכת הספר הנוכחי, משוכלל ומעוטר, ברוב פאר והדר.

◆

ואף גם יזכר לטובה, בשבח והודאה, כבוד אהובי בני היקר איש האשכולות;
האברך המפואר, באור התורה לבו בוער,

מו"ה חיים הערש ני"ו

על רב פעולתו תהלה ערוכה, ובעבודתו ברב תבונה ברוכה, לסדר אותם כהלכתם,
כדי שנוכל לברך על המוגמר, ולהוציא לאורה דבר נאה ומתוקן

יישר חילם לטיבותא, וישלם ה' פעולתא, להתברכו בברכתא, בכל משאלות לבם לטובה ולברכה

המאסף והמקבץ

Canadian Book Press

canadianbookpress@gmail.com

Tel. 514-274-8805

Printed in Canada

# רשימת הרבנים הגאונים הצדיקים

אשר מהם קבלתי הסכמות ודברי ברכה על
ספרי "מטבע שטבעו חכמים" ג"ח - ועוד

**כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זצ"ל**

*

**הרה"ק ר' משה ארי' פריינד זצ"ל**
גאב"ד ירושלים

*

**הגה"צ ר' רפאל בלום זצ"ל**
ראב"ד דק"ק קאשוי

*

**הגה"צ ר' רפאל זילבער זצ"ל**
אב"ד פריימאן

*

**הגה"צ ר' משה שטערן זצ"ל**
אב"ד דעברעצין ווייהייזל

**דודי הגה"צ ר' נתן יוסף מייזעלס זצ"ל**
מלפנים רב דקהל יט"ל דסאטמאר - לאנדאן
אב"ד אבני שלמה מאנסי

*

**הרה"ג ר' נתן געשטעטנער זצ"ל**
ר"מ פנים מאירות, בני ברק

*

**מו"ר הרה"ג ר' משה יאזעפאוויטש זצ"ל**
רב דקהל צלותא דשלמה

*

**הרה"ג ר' יואל מארגענשטערן זצ"ל**
אבד"ק שארמאש, קרית יואל

*

## ולהבחל"ח

**הרה"ג ר' ישראל חיים מנשה פריעדמאן שליט"א**
ראב"ד דקהל יטב לב דסאטמאר

*

**כ"ק מרן אדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א**

*

**הרה"ג ר' משה שטערנבוך שליט"א**
ראב"ד העדה החרדית

*

**הרה"ג ר' יחזקאל ראטה שליט"א**
אבדק"ק קארלסבורג

*

**הרה"ג ר' משה מנחם טירנויער שליט"א**
דומ"ץ ור"מ דקהל יטב לב מאנטריאל

**הרה"ג ר' אשר אנשיל כ"ץ שליט"א**
אב"ד ור"מ קהל עדת יראים וויען

*

**הגה"צ רבי חיים יהושע האלברשטאם שליט"א**
רב ור"מ דקהל ויואל משה דסאטמאר מאנסי נ.י.

*

**הגה"צ רבי יוחנן וואזנער שליט"א**
דומ"ץ דקהל חסידי סקווירא, מאנטריאל

*

**כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א**

# מפתח


**מרגלא בפומיה דאינשי...................................................................1**

**אידישע אויסדרוקן ................................................................127**

**היינו דאמרי אינשי.................................................................135**

**שפריך-ווערטער און אויסדרוקן פון דער אלטער-היים .........................144**

בס"ד

# במקום הקדמה

## לקט מגאונים וצדיקים בגודל חשיבות מה דאמרי אינשי

### הסכמת העולם על דיבור אחד תעיד על אמיתתה

כדי שלא למנוע טוב אמרתי לסדר בקצרה כאן מה שדיברו בקדשם גאוני הדורות אודות מה שדנו חז"ל לברר את מקחם של 'מאי דאמרי אינשי'. וראיתי להגאון רבי אליהו הכהן בעל 'שבט מוסר' בספרו 'מדרש תלפיות' שכתב (אות א ענף אומנא) "מיום שעמדתי על דעתי הייתי מצטער שלמה יבוקש התורה 'מילתא דאמרי אינשי' שנראים דברים בטלים שבדו מלבם, ובכמה מקומות מהתלמיד טרח למצוא מה דאמרי אינשי סמך מן התורה. ואחר החיפוש מצאתי בלב אהרן ז"ל (דף סט.) שהרגיש בזה ופירש תשובה נכונה מאין כמוה, בהקדמה מהפילסופים האלוהיים כהרמב"ם והרב בעל העקדה ז"ל וגם כל חכמי האומות מסכימים לזה; והיא כי הסכמת העולם על דיבור אחד תעיד על אמיתת אותו דבר שאומרים, והדבר ידוע שכל דבר שהוא אמיתי לא תחסר ממנו התורה דכולא בה. לזה היה שואל רבא מרב מרי 'מנא הא מילתא דאמרי אינשי' ירצה מנא לן מהתורה הא מילתא שהוא אמת, בוודאי כיון דאמרי לה אינשי כולם מסכימים בה כל האישים, ואם כן בודאי שלא תחסר מן התורה דהפוך בה והפוך בה דכולא בה, ואם כן מנא הא מילתא בתורה. כי כל דבר אמיתי צריך שלא תחסר בה, כיון שהיא תורת אמת מוכרח שהיא כלולה מכל מדע והשכל אמיתי". וע"ש מה שהוסיף בזה.

## דבר אמיתי דאמרי אינשי מוכרח שיהיה רמוז בתורה

וכעין זה כתב רבנו החיד"א בספרו 'פתח עינים' (ב"ק צב.): "מנא הא מילתא דאמרי אינשי. צריך להבין מה זו שאלה למצוא רמז בתורתינו הקדושה שיחה זו שיחת הבריות. ויראה דהתורה שלימה כוללת כל דבר טוב וחכמה שבעולם, וכי היכי דאמרינן בתעניות 'ליכא מידי דכתיב בכתובים ולא רמיז באורייתא' הכא נמי דבר אמיתי דאמרי אינשי משל או מוסר טוב מוכרח שיהא רמז בתורה כי תורת ה' תמימה ולא יבצר ממנה מאומה. וזוהי ששאל דהני מילי דאמרי אינשי מילי שפירי הם אמת ומוכרח שיהא רמוז בתורה, וכבר רבינו האר"י זצ"ל גילה כי כל הענינים בפרטות רמוזים בתנ"ך, וזו היא ששאל מנא הא מילתא דאמרי אינשי", וראה לו שם שציין לדברי המדרש תלפיות וכתב שכן נמי דיבר בקדשו הרב 'עיון יעקב' (חולין נח). שכתב על מה דאמרי אינשי אימרא בקתא מבקא, וז"ל יש ללמוד בזה דשותא דאינשי ג"כ אין דרכה לשקר רק זהו אמיתות לפי ענייניו וק"ל.

גם ראה להרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין בספרו 'צדקת הצדיק' (לובלין תרס"ב. אות נג): "דיבור של חול המורגל בפי האדם ומרגלא בפומיה הוא דברי תורה ממש אפילו אצל איש ההמוני מישראל, וכמו שנראה הרבה בתלמוד מביא דאמרי אינשי והוא דברי תורה ובפרק קמא דסנהדרין (ז.) הרבה ההוא דהוה קאמר ואזיל וכו' ואמר שמואל קרא כתיב כי כל נפש מישראל יש לו אחיזה בדברי תורה מיוחדת כנודע, ובדיבור שמרגלא בפומיה זהו שורש נפשו. וכן כתב הכהן בספרו ליקוט מאמרים בתחילתו וזל"ק: התורה שבכתב היא כוללת בהעלם כל מיני חכמה שיש בחכמה של ה' יתברך שרצה שתתגלה לברואים, וכמו שאמרו ז"ל (תענית ט'.) ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא ואמרו בבבא קמא (צ"ב עמ' א' וב') מנא הא מילתא דאמרי אינשי וכו', שכל מין חכמה דאמרי אינשי רק שהוא חכמה אמיתית ושפת אמת היא רמוזה בתורה הכל אבל הכל ברמז והעלם, רק אחר כך בהמשך הדורות היא יוצאה לאור על ידי חכמי דור ודור ודורשיו ועל ידי כל הנפשות פרטיות אשר כל אחד מחדש דבר חכמה אשר אליה הוכן בפרט, וזהו הנקרא תורה שבעל פה שהוא מה שחידשו סופרים ונובעים מלבות בני ישראל ומה שתלמיד ותיק עתיד לחדש.

## ביאורים על פתגמים דאמרי אינשי באידיש-טייטש

מפליא הדבר שלמרות שרבינו הקדוש החת"ס זצ"ל היה עמוס בישיבתו וקהלתו הגדולה ובשו"ת וכו', היה מוצא עוד זמן, כפי שנמסר לי בשם רבינו נר ישראל מרן כקש"ת רבי עקיבא סופר זצ"ל אב"ד ור"מ דק"ק פרעסבורג, לחבר קונטרס ובו ביאורים על "אמרי אינשי" פתגמים עממיים (שביידיש־דייטש) שהיו נפוצים בזמנו, והיה תח"י חתנו הג"מ דוד צבי עהרענפעלד ז"ל, ולא נודע לנו כעת מקומו אי'.

והנני להביא דוגמא מה שרשם בכ"י בפנקס הגדול עה"ת בפ' שמיני, אמרי אינשי גוי נאמן חזיר כשר ר"ל מוחא דשיבוטא יש בו טעם חזיר [כחולין ק"ט], ומנא ידעי' זה ע"י עדותו של בן נכר היודע טעם חזיר, נמצא גוי נאמן חזיר כשר. ובס' לקוטי חבר בן חיים חלק ד' בפ' פנחס מביא בשם רבו הח"ס, דמה דשגור בפי העולם לומר על אדם שאין לו מזל טוב "שלמיאל" שהוא על יסוד מחז"ל במס' סנהדרין דף פ"ב ע"ב, חמשה שמות יש לו, זמרי ובן סלוא ושאול ובן הכנענית ושלמיאל בן צורישדי, זמרי וכו' ומה שמו שלמיאל בן צורישדי, ומבואר בת"י ובילק"ש ס"פ בלק שי"ב ניסים נעשו לפנחס כדי שיהרג הוא, אם כן היה גרוע מזלו, ולכן משתמשים על אדם כזה בשם "שלמיאל". (חת"ס במדבר, בהקדמה)

## שלא לזלזל אפילו ממנהג ששמעו מנשים זקנות

עיי' שו"ת רשב"א (סי' ט') שכותב כן, ועיי"ש במתק לשונו שמסביר שכל דבר שיש קבלה ביד הזקנים והזקנות, הם בהררי קודש יסדם, ואולי יש להם שורש באיזה מקרא או בנביא ואעפ"י שאינו מפורש בכתוב, מ"מ אפשר לומר שהקבלה יכריח שזהו הפשט במקרא.

ועיי' שו"ת השיב משה (סי' י"ג) שמביא שיטת הרשב"א (הנ"ל) וכתב: שאפילו ס' ריבוי מופתים לא יוכלו לשנות את המקובל מפי הזקנים.

## רמיזא דחכמתא מכל דיבור בעולם

אין לך קול ודיבור בעולם שלא יכול המשכיל לשמוע בהם דברי תורה ומוסר, ומבין בהם רמיזא דחכמתא, כמו שהיו אנשים חכמים וידועים,

ובעיני ראיתי איך שהיו לוקחים לעצמם רמיזא דחכמתא מכל דיבור בעולם, אפילו דיבור איש לרעהו. (אור המאיר פרשת וירא).

*

כל התענוגים הם מגן עדן אפילו מילתא בדיחותא [בזה"ל, איין גלאך ווערטיל].

(מדרש פנחס, להרה"ק ר"פ מקאריץ זי"ע, שער עולם ומלואו)

*

## דוראק דאייע, אומני בערע

בצעירותי הגיע לעירינו מגיד מאוקראינה שהסתובב רבות והכיר צדיקים רבים. הוא סיפר לנו על ה'שפולער זיידע' שמנהגו היה להעלות את הבדיחות והאמרות של הגויים לקדושה על ידי שהיה מכניס בזה פירוש רוחני. ופירש שזהו הטעם שבגמרא משתמשים עם פתגמים עממיים "כדאמרי אינשי..." כדי להעלותם לקדושה.

וכדוגמא הביא את הפתגם הנפוץ באוקראינה "דוראק דאייע, אומני בערע" שמשמעותו טיפש נותן, חכם לוקח. הכוונה הפשוטה היא, שטיפש מפזר את כספו ומאבד את מה שיש לו, לעומתו החכם יודע ליטול ולשמור על כספו. אך השפאלער זיידע ביאר זאת ברוחניות: יהודים מפזרים כספם לצדקה, וביניהם ישנם שתי דרגות - טיפש וחכם:

טיפש נותן - זאת אומרת, הטיפש חושב שהוא נותן, כאילו הכסף שלו, והוא עושה טובה עם השני מכספו.

ואילו חכם נוטל - יודע הוא היטב שכסף זה מברכת הקב"ה באה לו. וכשנותן לצדקה יחזיר לו בכפל כפליים. כאשר החכם נותן, הוא יודע שבעצם הוא נוטל בזה ברכה והקב"ה מחזירו בכפליים. (ספר גאון וחסיד, אות פ"ה)

*

דרכו של הרה"ק רבי נח מלעכאוויטש זי"ע היה שלא לומר תורה

ברבים, רק היה מדבר מספורי מעשיות אשר לא היו ולא נבראו מעולם, ומלתא דבדיחותא (גלייכע ווערטלעך) ופניו היה סער כלפיד אש, כי הכל היה רזא דחכמתא, ובהסתר גדול.

תלמידו הרה"ק מרן מהר"ם מקאברין זצוק"ל קרא עליו הפסוק (תהלים י"ט) אין אומר ואין דברים ועכ"ז בכל הארץ יצא קום.

פ"א אמרו לפני אביו ס"ק מוה"ר מרדכי מלעכאוויטש זי"ע זצוק"ל שהוא מדבר גלייכע ווערטלעך, ויען מדוע תתפלאו, כי האלקים ברא את האדם ישר והמה בקשו חשבונות וגו' (קהלת ז') וכאשר הוא הולך בדרך הישר כפי שנברא, וההולך ישר, מדבר ישר, גלייכע ווערטלעך.

(אור ישרים, אמרי חן)

# מרגלא בפומיה דאינשי

אידישע שפריך-ווערטער פון דער אלטער-היים, מקורם וביאורם

## א אורח ווערט א "חפץ של מצוה"

אזוי האט געזאגט הרה"ק ר"פ מקאריץ זי"ע, און צוגעלייגט אז אויב דער בעה"ב דארף א ישועה, האט דער אורח א כוח צו בעטן פון השי"ת ער זאל שיקן א רפואה פאר זיין בעל הבית, און זיין ברכה ווערט מקוים בישועה שלימה. (ס' שפתי קודש, מ"ג ע"א)

## א איידעם איז א שטיק שווער

לשון רש"י (שבת כ"ג ע"ב) ד"ה נפק, חתנו כבנו, אזוי אויך שטייט אין מדרש (ב"ר פ"ד י"ט) א מענטש טוט זיך נישט פארמיידען פון צו רופען זיין איידעם ווי א אייגן קינד, די ספרים זאגן אויף דעם פיוט אין סליחות, כלה שעיר וחותנו, זאלסט פארלענדען עשו מיט זיין שווער ישמעאל, ווייל ווען דו זעסט וואס פאר אן איידעם דער ישמעאל האט זיך אויסגעוועלט איז א סימן אז דאס איז זיין גלייכן און דער זעלבער רשע ווי ער.

## א אלטער שאַרבן לעבט איבער א נייעם טאָפּ

ובלשון המדרש (ב"ר פס"ג) ויק"ר פ"ב) אמר הקב"ה, הרבה סייחין מתו ונעשו עורותיהם שטוחין על גבי אמותיהן, אסאך יונגע באָקען זענען געשטארבען, און פון זייער הויט האט מען געמאכט א זאָטעל צו רייטען אויף זייערע מאַמעס, אויך אין די גמ' (סנהדרין נ"ב ע"א) נפישי גמלא סבי דטעיני משכי דהוגני.

## אָפּטער גאַסט פאַלט צו לאַסט

ובמאמר העולם, יום ראשון אורח, שני טורח, שלישי סורח, רביעי בורח, מובא במראה המוסר דף, כ"ח ע"א, ובמדרש רבה סו"פ פנחס, יום ראשון מקבלו

יפה ומאכילו עופות, ב׳ בשר, ג׳ דגים ד׳ ירק, כך פוחות והולך, ועיין בתוס׳ חולין פ״ד ע״א.

## א אפענער פיינד איז בעסער ווי א פאלשער פריינד

ובמליצת חכמים, טוב שונא גלוי מידיד כוזב, ובלשון רש״י (תהלים נ״ה י״ד) חרפת האוהב קשה מחרפת האויב, וגם יוכל להסתר מאויבו ולא מאוהבו, ובזה מפרש הרח״ו בספרו עץ הדעת טוב הפסוק, ה׳ לי בעוזרי, ואני אראה בשונאי, והבן.

## א ארימאן איז געבענטשט מיט די ארבעה בנים

חכם, כי לא לחכמים לחם – רשע, לוה רשע ולא ישלם – תם, כי תם הכסף – שאינו יודע לשאול, ווייל ער האט שוין נישט פון וועמען צו בארגען.

## א באבע מעשה

די וועלט זאגט דעם אויסדריק אויף א מעשה שלא הי׳ ולא נברא. דער לשון שטאמט פון דעם, וואס דער ערשטער ספר וואס איז געמאכט געווארן אויף אידיש, האט געהייסן "באבע בוך" אויך באבא מעשיות, דאס האט געשריבן רבי אליהו בחור, דער מחבר פון ספר התשבי, ועוד, דאס איז א זאמלונג פון פארשידענע שיינע געשמאקע מעשיות, צוזאמען געשטעלט פאר ווייבער און קינדער זיי צו דערקוויקן מיט אינטערעסאנטע ערציילונגען, פון דארט שטאמט דער אויסדריק א באבע מעשה, אויך פלעגן טאקע די באבעס דערציילן שיינע מעשיות פאר די אייניקלעך.

## א בבל

דאס איז א אויסדריק וואס מ׳זאגט אויף אַלטע סחורה וואס איז שווער צו פארקויפען, דער באדייט, ווי די גמ׳ זאגט (סנהדרין כ״ב ע״א) מאי בבל, בלולה במקרא, במשנה, בגמרא, זעט מען אז דאסווארט בבל מיינט אויף א תערובות פון אסאך זאכן, אויך איז דאס לאנד בבל פון די עלצטע מלוכות, און מ׳מיינט צו זאגן אז די סחורה איז שוין זייער אַלט.

## א בעל גאוה איז ערגער ווי א בעל תאוה

ובגמ׳ סוטה ה׳ ע״א, אדם שיש בו גסות הרוח, אמר הקב״ה, אין אני והוא יכולים לדור בעולם – וכאילו עובד ע״ז, וכאילו כפר בעיקר, עיי״ש.

## א חכם קוקט אויף זיינע חסרונות און א טיפש זעהט נאר זיינע מעלות

הרה״ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי״ע טייטשט מיט דעם, דאס וואס שטייט אין מדרש (במ״ר פי״ט) דעה חסרת מה קנית, דעה קנית מה חסרת. דאס מיינט דעה חסרת, דער חסר דעת קוקט נאר אויף זיינע מעלות, מה קנית, אבער דעה קנית, דער בר דעת קוקט אלץ אויף זיינע חסרונות, מה חסרת, און וואס ער דארף פאררעכטן.

## א בר דעת קען נישט וואוינען מיט א שוטה אונטער איין דאַך

ובגמ׳ (יבמות קי״ב ע״ב) אין אדם דר עם נחש בכפיפה אחת, ובלשון הרמב״ם (גירושין פ״י הכ״ג) אין כוח בבן דעת לדור עם השוטים בבית אחד.

## א גאנצער נאַר איז א האלבער נביא

ובלשון הגמ׳ (ב״ב י״ב ע״א) מיום שחרב ביהמ״ק ניטלה נבואה וניתנה לשוטים.

## א גאסט אויף א ווייל, זעהט אויף א מייל

מאמר העולם, ווייל א פרעמדער פון די זייט זעהט מער זאכן מיט א קלארערן בליק – ובמליצת הלשון. אורח לרגע, רואה כל פגע.

## א גאסט ברענגט א רפואה

ווייל אורח איז אותיות אור ח׳, און די אכטע ברכה פון שמונה עשרה איז רפאנו ה׳ ונרפא, אויך ביי די ברכה פון לא-ל ברוך, איז דער אכטער שבח, בורא רפואות. אויך שטייט בשם הרה״ק מרוז׳ין זי״ע, אז די ווערטער ״אורח״ און ״רופא״ האבן די זעלבע אותיות אויסער איין אות צווישן ח׳ און פ׳, דער חילוק צווישןביידע באשטייט פון 72, דאס איז כמנין חס״ד, ווייל ווען מ׳טוט חסד מיט דעם אורח, איז צוזאמען באטרעפט כמנין רופ״א, וואס דער גאסט ברענגט א רפואה אין הויז. (אמרי צדיקים סי׳ ג׳)

## א גוט וואָרט טרעפט זיך זיין אָרט

ובפרקי אבות (ד ג׳) אין לך דבר שאין לו מקום.

## א גוט יום טוב

דער מנהג אין מונקאטשביים דרכי תשובה און מנחת אלעזר זי״ע צו וואונטשן דעם עולם נאר מיט דעם לשון ״יום טוב״, ווייל לויט דעם מנהג העולם זעט דאס אויס ווי א געדאפעלט, גוט און נאכאמאל גוט, און זיי האבן מקפיד געווען אויף א ריכטיגן לשון. וברמז יו״ם טו״ב בגימט׳ חכמ״ה, א״ גיט״ן איז אויך בגימט׳ חכמ״ה, אזוי ווי יום טוב. וע״ד אגב, גוט יום טוב איז בגימט׳ 91 אזוי ווי די צוויי שמות.

## א גוט מארגן - א גוט יאהר

דער מנהג צופרי ווען איינער גריסט דעם חבר גוט מארגן, ענטפערט צוריק דער חבר, א גוט מארגן, א גוט יאהר, ווי מיר געפינען אין די גמרא, יום לשנה, דאס איז אפילו ביי א קללה און כש״כ ביי א ברכה. אויך שטייט אין דעת זקנים מבעלי התוס׳ (דברים כ, י) אז ווען איינער איז מקדים שלום פאר זיין חבר, דארף דער חבר צוריק ענטפערן דאפעלט און זאגען, ״שלום עליך וברכה טובה״. — דער לשון גוט מארגן מיינט לשון שחר קמתי. דער היינטיגער מארגן שטערן. וברמז, מארגן אותיות ארגמ״ן, די נעמען פון די פינעף גרויסע מלאכים, אוריאל, רפאל, גבריאל, מיכאל, נוריאל, אין דעם איז אויך דא די אותיות גמרא, והבן.

## א גוטע וואך - א גוטע נאכט

הרה"ק מטאהש זצ"ל ברענגט אין ס' עבודת עבודה (בהעלותך) אז די ברכה איז א רמז אויף שמירה, בלשון א גוטע וואך מיט א פתח, מ'זאל זיין אפגעהיטן פון אלעם שלעכטן, און האבן א גוטע שמירה. – הרה"ק מתולדות אהרן זצ"ל האט געזאגט ברמז, א גוטע נאכט, גו"ט בגימט' ח"י, נאכ"ט בגימט' יסו"ד והבן.

## א גוטער טוט גוטס, נאר ווייל ער איז גוט

מובא בס' צרור המור פ' וארא בלשון האיש הטוב עושה טוב לאחר, בלי סיבה, אלא בשביל שהוא טוב, ובלשון הזוה"ק דרך הטוב להטיב.

## א גוטער נאמען גייט ווייט, א שלעכטער גייט נאך ווייטער

ובלשון המדרש (קה"ר ז' א') שם טוב הולך מסוף העולם ועד סופו, ובפרקי אבות, כתר שם טוב עולה על גביהן, ובלשון הפסוק (יחזקאל כ"ב ה) הקרובות והרחוקות ממך יתקלסו בך טמאת השם רבת המהומה . [יתקלסו לשון לעג וקלס].

## א גוטער פריינד קומט אומ'גערופען

דאס לערנט מען ארויס פון די מעשה קמצא בר קמצא, ווי דער בעה"ב האט געשיקט לאדענען זיין חבר קמצא און דער שליח האט בטעות גערופען בר קמצא, זיין שונא, אבער ווען קמצא וואלט געקומען צו דער סעודה אפילו אומגערופען, וואלט בר קמצא נישט געבליבן צו דער סעודה, און וואלט גלייך אוועק געגאנגען, דעמאלטס וואלט נישט חרוב געווארן דאס ביהמ"ק דורך זיין מסירה.

## א גוי איז באגלייבט אויף א כשר'ן חזיר

דער חת"ס אין די הקדמה אויף סדר במדבר שרייבט, אז דער אויסדריק שטאמט פון דעם, וואס די גמרא זאגט אז דער מוח פון די פיש וואס הייסט שיבוטא האט א טעם פון חזיר, און פון ווי זאל מען דאס וויסן, נאר דורך די עדות פון א גוי וואס ווייסט דעם טעם פון א חזיר.

## א געזונטן קאפ אין א קראַנקן בעט

ובלשון הגמ׳ (נדרים א ט בירושלמי) הכניס ראשו בקולר פנוי, ער האט זיך ארייגעלייגט דעם קאָפ אין א קייט פון א געפאנגענעם, ובמדרש (ב״ר פנ״ו) טוען צלובו בכתפו, דאס מיינט, ער שטעלט זיך אליין אריין אין א צרה ח״ו.

## א געזונטער ארימאן

די גמ׳ זאגט (כתובות ק״י ע״ב) שינוי ווסת תחילת חולי מעיים. אז מ׳טוישט דעם סדר פון די מאכלים, ברענגט דאס צו מאגן קרענק, און אום שבת עסט א איד אנדערע מאכלים ווי א גאנצע וואָך אין א וואכן טאג, להתענג בתענוגים ברבורים ושלו ודגים, וועגן דעם טרינקט מען מוצאי שבת ווארימ׳ס און מ׳זאגט חמין במוצאי שבת מלוגמא, ווייל דאס איז א רפואה פאר׳ן מאגן, אבער דער ארימאן האט נעבעך נישט אויף שבת אנדערע מאכלים פון וואס ער עסט אינדערוואכן, וועגן דעם איז ער א ״געזונטער ארימאן״.

## א געזונטער גוף און א געזונטע נשמה

מאמר העולם, אויף דעם פזמון וואס מ׳זאגט בליל שב״ק, בחמרא טבא דבי׳ תחדא נפשא, טייטשן די צדיקים, אויב דער חומר, דער גוף איז גוט, קען מען מיט דעם דערפרייען דעם נפש.

## א געזונטער נער

ווייל אין פסוק (קהלת א, יח) שטייט, כי ברוב חכמה רב כעס, ויוסיף דעת יוסיף מכאוב.

## א געפאַלענעם טרעט מען נישט מיט די פיס

ובלשון הגמרא (קידושין כ׳ ע״ב) לידחי אבן אחר הנופל, אינטער׳וואַרפען א שטיין נאך דעם געפאַלענעם.

## א האַלבער אמת איז א גאנצער ליגן

רש"י במדבר י"ג כ"ז, כל דבר שקר שאין אומרים בו קצת אמת אין מתקיים בסופו

## א התמנות אן קיין השתדלות איז א טובה פאר זיך און פאר זיינע קינדער

אזוי האט געזאגט הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע פאר דעם סיגוט'ער ראש הקהל הרה"ח ר' משה ארי' פריינד ז"ל.

אין חי' חת"ס (ב"ק ט"ו ע"ב) שטייט, אז א נייע התמנות ווערט גערעכנט ווי א שינוי השם, וואס איז משנה זיין מזל, מרעה לטובה.

## א וואָלף פארלירט זיינע האָר, אבער נישט זיין נאטור

ובלשון המאמר במבחר הפנינים (כ"ז ד') הזאב מחליף שערו ולא טבעו.

## א וואָרט אויפן ריכטיגען אָרט

ובלשון הפסוק (משלי טו כ"ג) שמחה לאיש במענה פיו, ודבר בעתו מה טוב, ועי' עירובין נד ע"א ובמס' כלה רבתי בתחילתו, פסוק בזמנו כנהמא בשעת רעבא, ובמס' כלה (פ"א ה"ד) העיד רבי שמעון ואמר, כל הקורא פסוק בזמנו מביא טובה לעולם.

## א וואָרט פון צונג אָן הארץ, גייט נישט דורך דעם אויער

מאמר החכם במבחר הפנינים בלשון כשיצא הדבר מן הלשון מבלי הלב, לא יעבור האוזן, והוא כעין הפסוק, ודבר שפתים אך למחסור.

## א ווייב מאכט פון דעם מאַן, א נאַר אדער א האַר

דער מדרש פארציילט (ב״ר י״ז ז׳) מעשה בחסיד אחד וואס האט חתונה געהאט צו א חסידה אחת, און זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער, האבען זיי זיך גע׳גט, און דער חסיד האט פריש חתונה געהאט מיט א מרשעת, מיט די צייט איז ער אויך געווארען א רשע, און די חסידה האט נאכאמאל חתונה געהאט מיט א רשע, און זי האט איהם געמאכט פאר א צדיק, פירט אויס דער מדרש, הרי שהכל מן האשה, אלעס ווענדט זיך אין די פרוי וואס מ׳האט.

## אַ ויזתא און א דלפון

א אויסדריק אויף א טיפש, פארוואס ווערט דאס געזאגט דוקא אויף דעם לעצטן פון די עשרת בני המן, איז דא א טעם בדרך הלצה ווייל אז ער האט געזעהן ווי מ׳העגנגט אויף זיינע ניין ברידער פארוואס איז ער נישט אנטלאפען – אויך אויף א ארימאן א קבצן רופט מען אַ דלפון – אויף דעם איז דא א וואָרט פון הרה״ק ר׳ שלם מקאמינקא זצ״ל אויף די גמ׳ מזל מחכים מזל מעשיר, אז המן האט זיך שואל עצה געווען מיט זיינע קינדער, איבער די אידען, אויך האָבן זיי זיך משתתף געווען מיט די עשרת אלפים ככר כסף, און ווען ס׳קומט פורים ווערט דער ויזתא א חכם, און דער דלפון ווערט א עושר.

## א זאַטער קען דעם הונגעריגען נישט פארשטיין

ובלשון חכמים, השבע לא ירגיש בצער הרעב, און תנחומא (תצוה) שטייט, דער וואס איז אין די טונקעל זעט וואס טוט זיך אין די ליכטיג, אבער דער וואס איז אין די ליכטיג זעט נישט וואס ס׳טוט זיך אין די טינקעל.

## א יאהר מיט א מיטוואך

די גמ׳ זאגט (כתובות נ״ז ע״א) נותנין לבתולה שנים עשר חודש, א מיידל ווערט א כלה גיט מען איר צייט פון צוועלף חדשים, זיך צו קענען גרייטן אויף איר חתונה. און די משנה זאגט בתולה נשאת ליום הרביעי, אז זי האט חתונה אין א מיטוואך טאג, קומט אויס אז דער חתן ביז זיין חתונה דארף ווארטן א יאהר מיט א מיטוואך.

## א יונג בוימעלע בייגט זיך, און א אלטער בוים ברעכט זיך

דער מקור איז א רש״י (שמות ט׳, לא-לב) השעורה אביב, כבר ביכרה ועומדת בקשי׳ ונשתברו ונפלו, וכן הפשתה גדלה כבר והוקשה לעמוד בגבעולי׳, - כי אפילות הנה מאוחרות, ועדיין היו רכות ויכולת לעמוד בפני קשה.

## א ליגנער אפילו דעם אמת גלייבט מען איהם אויך נישט

דער לשון אין די גמ׳ (סנהדרין פ״ט ע,ב) כך עונשו של בדאי שאפילו אומר אמת אין שומעין לו.

## א לעבעריגע זאַק און פילט עס אלץ אָן

דאס איז א אויסדריק אויף א גרויסען מתמיד מיט א שוואַכען זכרון.

כעי״ז בגמ׳ מגילה כ״ח ע״ב, הי׳ צנא מלא סיפרי, פרש״י אינו אלא כסל שמילאוהו ספרים, ואינו מבין מה בתוכה, ויש במליצת הלשון לשבח ״ ר ר ר״.

## א מלאכה איז א מלוכה [אבער נישט קיין מנוחה]

אזוי שטייט אין מחזור ויטרי אויף פרקי אבות, אויך שטייט אין מדרש תנחומא פ׳ ויצא, זכות מלאכה עומדת במקום שאין יכול זכות אבות לעמוד, דאס מיינט אז זכות מלאכה איז גרעסער ווי זכות אבות. אין ס׳ מנחה חדשה אויף מס׳ אבות (דף ח׳ ע״ב) שטייט, ס׳איז דא מאנכע וואס זיינען זיך טועה, און פארטוישן מלאכה מיט מלוכה, און זיי האבן פיינט פון צו טאהן קיין שום מלאכה, און זיי ווילן זיך שפייזען פון די תורה וואס הייסט מלוכה, שנאמר בי מלכים ימלוכו. — אויך איז דא א אויסדרוק, ״ר ר ר , תש ״.

## א ממזר קאפ

אין מס׳ סופרים סוף פט״ו שטייט, רוב ממזרים פקחים. אזוי שטייט אויך אין ס׳ רוקח עה״ת פ׳ כי תצא, פון דעם שטאמט דער מקור וואס מ׳רופט אן א אויבער חכם און א דריי קאפ מיט דעם לשון א ממזר׳ישן קאפ.

## א מנהג ברעכט א דין

אין ס׳ בארת המים להרה״ק ר״צ מרימנוב זי״ע שטייט א מנהג ישראל צוברעכט און איז מבטל אלע דינים, ס׳זאל בלייבן נאר רחמים וחסדים. – וברמז בלשון הגמ׳,מן הדין וכו׳ אלא עולם כמנהגו נוהג.

## א מענטש איז געבוירען זיך צו פלאָגען

בלשון הפסוק (איוב ה׳ ז׳) אדם לעמל יולד, ובגמ׳ (סנהדרין צ״ט ע״ב) איני יודע אם לעמל פה- אם לעמל מלאכה- אם לעמל שיחה, כשהוא אומר לא ימוש ספר התורה הזה מפיך הוי אומר לעמל תורה נברא, וברש״י בחוקותי, שתהיו עמלים בתורה

## א מענטש גייט נישט אהין, מיטן קאָפּ אויף צוריק

ובלשון הרמב״ם באגרת לחכמי מרשיליא, העניים הוא לפנים ולא לאחור, ובדומה בגמ׳ מעולם לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי, ובלשון הפסוק וראית את אחורי ופני לא יראו.

## א מענטש זארגט זיך אויף זיין פארלוירענע געלט, און נישט אויף די פארלוירענע יארן

אויף לשה״ק איז דער לשון המאמר, ״אדם דואג על איבוד דמיו, ואינו דואג על איבוד ימיו״, דאס ווערט געברענגט אין דרושי הצל״ח דרוש א׳ פרק כ״ג, און נאך אסאך ספרים. און דער המשך פון דעם מאמר ״דמיו אינם עוזרים, וימיו אינם חוזרים״.

## א נדבן עם הארץ איז בעסער ווי א קארגער תלמיד חכם

אין ס׳ רחמי האב אות כ״א שטייט, ס׳איז בעסער זיך משדך צו זיין מיט אן עם הארץ מיט א גוט הארץ, ווי איידער מיט א תלמיד חכם, א קמצן, ווייל מסתמא אזא איינער גיט נישט קיין צדקה וועגן זיין קארגשאפט, און די גמ׳ זאגט, המעלים עיניו מן הצדקה הרי הוא כעובד ע״ז ח״ו.

## א נעכטיגער טאָג

די גמ׳ סוכה מ״ז ע״א זאגט אז ס׳איז דא א חיוב לינה איבערצונעכטיגען אין ירושלים נאכן ברענגען א קרבן, אויף אידיש זאגט מען, ר ת ר ש ת , וברמז בתהילים, כיום אתמול כי יעבור (ס׳ השפה הקדושה)

## א נער ווייזט מען נישט קיין האלבע ארבייט

דער מאמר ווערט דערמאנט אין ס׳ חשבון הנפש אות רכ״א, ענליך צו דעם שטייט אין פרקי אבות, החכם אינו נכנס בדברי חבירו, וחילופיהן בגולם. ווייל דער נער האקט אריין אינמיטן וואס יענער רעדט, נאך פאר ער האט געהערט די גאנצע זאך. — וע״ד אגב, שטייט אין זוה״ח (דף כ״ב ע״ב) דער טעם פארוואס הקב״ה האט נישט געשריבן כי טוב ביים צווייטען טאג, ווייל די מלאכה איז נאכנישט געווען פארטיג, און ס׳איז נישט גלייך צו לויבן א זאך ביז מ׳האט דאס געענדיגט.

## א עקשן איז מצליח

דער מאמר איז געווען רגיל בפי החזון איש זצ״ל בשם הגר״ח מוולאזשין זצ״ל דאס ווערט געברענגט אין ס׳ המעשר והתרומה דף ע׳.

## א פאַטש פארגייט, און א וואָרט באשטייט

דאס מיינט, קלעפ היילן זיך שנעלער ווי א שאַרף ווארט מיט וועלכען איינער האט איהם אנגעשריגען און פארשעמט, - דער מקור איז אין די משנה ערכין ט״ו, האומר בפיו חמור מן העושה, און דער הגר״א אין משלי י״ח זאגט אז א שלעכט

ווארט איז ערגער ווי א קלאַפּ, ווייל א מכה איז בגוף און א דיבור באריר͏ט אויך דעם נפש, - אין מראה המוסר שטייט, , ר ש .

## א פארנומענער מענטש האט שטענדיג צייט

ובלשון הפסוק (ויקרא כו ט) ופניתי אליכם... לשון פנאי, הרה״ק החי׳ הרי״ם זצ״ל האט געזאגט, א עובד ה׳ וואס איז דבוק בהשי״ת האט צייט אויף אלעם, דער אמרי אמת מגור זצ״ל פלעגט זאגן, אפר כירה מוכן הוא, דער וואס קאכט מיט פייער פארן איבערשטען איז אלץ גרייט.

## א פארשארט קינד וועט אויסוואקסן א אדם גדול

אזוי שטייט אין ס׳ זכירה, אויך אין תרגום אויף איוב (יא, יב) אויף דעם פסוק ועיר פרא אדם יולד, שטייט אזוי, ועילם מסרבן דאתבן גברא רבא יתעבד.

## א פיקח ווייסט דעם וועג ארויס פון בלאָטע, א חכם גייט באלד נישט אריין

ובגמ׳ (תמיד ל״ב ע״א) איזהו חכם הרואה את הנולד, ובירושלמי סוטה ה׳, החכם עד שהוא בראשו של דבר, הוא יודע מה בסופו, ס׳ווערט דערציילט אז אויפן וועג האבען זיך געטראָפען דער הייליגער ריזשינער מיט רבי מאיר מפרימישלאן זי״ע האט איהם דער ריזשינער געפרעגט, מילא איך האב א קאַלאַסע פון פיר פערד, אויב קריכט אריין דער וואגען אין בלאָטע קענען די פערד דאס ארויס שלעפען מיט פאראייניגטע כוחות, אבער דו פאָרסט ארום מיט איין פאַרמאָגערט דאַר פערדעל וואס טוסטו אויב דער וואגען זינקט אריין אין בלאָטע ווי אזוי קריכסטו ארויס, האט איהם רבי מאיר פרימישלאנער געענטפערט, טאקע וועגן דעם גיב איך אַכט איך זאל לכתחילה נישט ארייַנפאַלן אין קיין בלאטע, און דאס איז דער חילוק צווישן א חכם און א פיקח. (אור המאיר עמ׳ ט״ז).

## א צדיק אין פעלטץ

מאמר העולם אויף איינעם וואס איז אפגעזונדערט פון מענטשן און איז איינגעהילט אין זיין פעלטץ, זיך צו ווארימען פון די קעלט און דינט דעם

אויבערשטן פאר זיך אין די אייגענע ד׳ אמות. אבער זארגט זיך נאר פאר זיך, אבער דער ריכטיגער צדיק זארגט זיך אויך פאר אנדערע, אנצו–ווארימען דאס גאנצע הויז, דאס זעלבע אין רוחניות ארייננ–ברענגען דעם אש קודש פאר דעם ציבור מיט התלהבות פאר תורה ותפילה, אויך איז דאס א רמז אויף דעם כתנות עור פון אדה״ר, דאס איז א פעלטץ.

## א קאץ קען אויך קאליע מאכן

מאמר העולם, מיט די כוונה אז נישט נאר מייז מאכן חורבנות, נאר אויך א קאץ קען פארדארבען. אין שו״ת לבושי מרדכי שטייט א שאלה, איינער בעט שדכנות געלט, ווייל ער טענה׳ט אז ער ווייסט א סאך פסלנות אויף זיין משפחה, און אויב ער וואלט דאס מגלה געווען פאר זיין מחותן, וואלט דער שידוך נישט געווארן, ממילא קומט זיך איהם שדכנות געלט פאר׳ן שווייגן, ענטפערט דער מאדער רב, אז ער איז גערעכט, כידוע מאמר העולם, אז א קאץ קען אויך פארדארבען.

און ברענגט זיך א ראי׳ פון רש״י (בראשית יט, כט) ויזכור אלקים את אברהם, אז הקב״ה האט רחמנות געהאט אויף לוט, ווייל ער האט געשוויגן ווען אברהם האט געזאגט אויף שרה אחותי היא, האט ער נישט מגלה געווען אז זי איז זיין ווייב, זעהט מען דאך פון דעם אז ס׳קומט זיך א שכר פאר שווייגן.

## א קליינע איי איז אויך א כפרה

ובלשון הגמ׳ (פסחים קיח ע״א) הודו לה׳ כי טוב – שגובה חובתו של אדם בטובתו, עשיר בשורו, עני בשיו, יתום בביצתו, אלמנה בתרנגולתה

## א קליינער שיין פארטרייבט דעם טונקל און מאכט לעכטיג דעם ארום

מאמר מהרש״ב מליובאוויטש זצ״ל, ובחוה״ל (שער יחוד המעשה) הלשון, מעט מן האור דוחה הרבה חושך, ומעט מן האמת ינצח הרבה מן השקר.

## א קרעכץ פון א פשוט'ן איד איז בוקע רקיעים

מגן אברהם, טריסק, פ' בלק, בשם הבעש"ט הק' זי"ע.

## א רב דארף קענען אויך דעם פינפטען שלחן ערוך

דאס איז א אויסדריק פאר דעם וואס איז געוואָרען א מורה הוראה בישראל, אז אויסער דעם וואס ער דארף זיין א בקי אין די ד' חלקי שלחן ערוך, דארף ער אויך זיין א פיקח ובר שכל צו קענען מדמה זיין מילתא למילתא, און ווי אזוי צו האנדלען מיט מענטשען, אויף דעם לייגט מען צו, אויך דארף ער קענען דעם זעקסטען שלחן ערוך, ווי אזוי צו האנדלען מיט אומ'מענטשען, והבן (בשם הרה"ק ר"מ מקאברין זצ"ל).

ובאותו ענין, הגאון הגדול מטשעבין זצ"ל האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף איינעם א רב וואס מ'האט אויף איהם געזאגט אז ער איז בקי בד' חלקי שלחן ערוך, האט דער טשעבינער רב געזאגט, יא, ס'איז אמת, אין יורה דעה איז ער בקי בענין "בטל בשישים", און חושן משפט קען ער "הפקר בית דין הפקר", און אבן העזר ווייסט ער צו זאגן "אפקעינהו רבנן לקידושין מיניה" און אורח חיים, איז ער בקי אין די הלכה "ועל כולם אם אמר שהכל נהיה בדברו יצא".

## א רויט בענדל

ס'איז ידוע דער מנהג פון נשים צדקניות אנצובינדן אויף א קינד א רויט בענדל, אלס סגולה קעגן עין הרע. דער מקור ווערט געברענגט אין ספר דברי תורה (ח"ב אות ע"א) פון מונקאטש'ער רב זצ"ל און ער ברענגט א טעם דערויף.

אויך איז ידוע אז הרה"ק רבי יעקב'לע מפשעווארסק זצ"ל פלעגט הייסן אנבינדן א רויט בענדל קעגן עיה"ר, און געזאגט אז דאס איז מקובל מרבותיו. דאס ווערט אויך געברענגט אין שו"ת באר משה (ח"ח, סי' ל"ו אות ג') פון דעברעצינער רב זצ"ל. אויך דער חיד"א אין זיין פירוש אויף תוספתא (שבת פ"ח ה"ד) שרייבט, אז דאס איז מסוגל לרפואה.

## א שאד אז מ׳האט נישט גערעדט פון משיח

אין ס׳ כבודו מלא עולם (ערך דיבור, אות פ״א) זאגט, אז דאס האט א מקור אין ספר אמרי פנחס להר״ק ר״פ מקאריץ זי״ע, אויך דער מאמר, ׳ ץ ר , ר ׳ ץ ת .

## א שוועער בייטעל מאכט א לייכט געמוהט

ובפסוק (דברים יא ו) ואת כל היקום אשר ברגליהם, וחכז״ל דרשו זה ממונו של אדם שמעמידו על רגליו, ובמליצה נסמך לזה לשון הירושלמי (תרומות סופ״ח) כל האברים תלויין בלב, והלב תלוי בכיס.

## א שוסטער מיט צעריסענע שיך

כעי״ז מובא במדרש ב״ר פס״ז אות ב׳

## א שטוב מיט טעכטער איז גארנישט קיין געלעכטער

ובלשון הגמ׳ (סנהדרין ק׳ ע״א) בת לאביה מטמונת שוא, מפחדה לא יישן בלילה, אויך דארף מען פאר זיי צוגרייטען א גרויסען נדן, צו קענען זיי חתונה מאכן.

## א שמאָל הארץ און א ברייטע צונג

מובא במבחר הפנינים כ״ט י׳ בלשון מי שלבו צר לשונו רחב.

## אביסעל און אביסעל, ווערט א פיל שיסעל

בלשון המדרש (במ״ר פי״ז) מטיפה לטיפה נתמלא ההין.

## אויב א כלי האט זיך צובראכן אין הויז, איז דאס א גוטער סימן

דער מקור, שטמ"ק מעילה י"ז ע"ב, פון דארט זעהט אויס אז דאס איז א גוטער סימן אויף א שנעלע רפואה. אויך ביי א חתן בשעת די חופה ווען ער צוברעכט דעם גלאז, שרייט כל הקהל מיט א ברכת מזל טוב, ועיין תוס' ברכות ל"א ע"א.

## אויב איין הינט בילט, בילן אלע נאך

אזוי שטייט אין מדרש שמ"ר פל"א ט', מה הכלבים אחד נובח וכולם מתקבצים ונובחים על חנם.

## אויב איינער גיט דיר א אומגעבעטענע עצה, טוה פארקערט, וועסטו מצליח זיין

אזוי האט נאכגעזאגט הרהגה"צ רמ"א פריינד זצ"ל, דער ירושלימ'ער רב, בשם הרה"ק משינאווא זצ"ל. (מרא דשמעתתא בסופו)

## אויב איך האב דיך אין די האנד, מוזטו מיך הארכען

אזוי האט דער ראפשיצער רב זי"ע געזאגט בשם מאמר העולם, ווען ער האט געהאלטן די ד' מינים אין די האנד סוכות, וואס איז מרומז אויף דעם שם הוי"ה ב"ה, ובכן מוז השי"ת צוהערן אונזערע תפילות. (חמדה גנוזה)

## אויב ברידער קריגן זיך, זענען פרעמדע מרויח

מובא בס' חצי מנשה פ' לך, בשם הירושלמי, בלשון כשנופלת מריבה בין אחים, אנשים נכרים מרויחין על ידי זה. ובס' דרכי דוד, מריבה בין שנים, השלישי נהנה.

## אויב דו ווייסט נישט קיין עצה, פרעג א דעת בעה"ב, און טוה פארקערט

דאס ווערט געברענגט אין ס' דברי ישראל (כללי אורייתא אות ה') און ברענגט די מקורות, אויך אין סמ"ע (חו"מ סי' ג') שטייט, דעת בעל הבית, היא היפך דעת תורה. וכעין זה שטייט אין מהרש"א (ב"ב ע"ט ע"א), דער שכל פון סתם א מענטש איז זיך טועה אין א סאך ענינים, אבער די תורה ווייזט דעם מענטש דעם ריכטיגן דרך השכל, וואס וועט קיינמאל נישט נכשל ווערן.

## אויב דו וועסט טאהן אזוי, "וועסטו גוט מאכן"

מאמר העולם. שרייבט אויף דעם דער קאלאשיצער רב זצ"ל אין ספר דברי חנה, דאס איז דער פשט אין תהלים, בטח בה' ועשה טוב, אויב דו וועסט זיך פארלאזן אויף השי"ת, דעמאלט ועשה טוב, וועסטו גוט מאכן, די זאך וועט ארויסקומען צום גוטן.

## אויב מ'גיט נישט יעקב'ן גיט מען עשו'ן.

דאס ווערט געברענגט אין מדרש לקח טוב (תולדות), אויך אין פסיקתא זוטא, אך יצא יצא יעקב, אם זכיתם לרעבו של יעקב, ואם לאו לשבעו של עשו. וכעין זה שטייט אין די גמ' (ב"ב ט' ע"א) אויב גיט מען צדקה איז גוט, און אויב נישט, קומען גוים פון די ממשלה און נעמען אוועק מיט געוואלד. אויך ווערט געברענגט אין מדרש (במ"ר אות י"ג) תרעא דלא פתיח למצוות פתיח לאסיא. א טיר וואס איז פארמאכט פאר ארימעלייט אויף צדקה, איז אפן פאר'ן דאקטער, וועט ער דארפן אוועק געבן זיין געלד פאר'ן דאקטער, און אויף מעדעצין ח"ו.

## אויב ס'וועט נישט העלפן, אבער שאדטן וועט עס נישט

בשגרא דלישנא, אם לא יועיל לא יזיק, מובא בשבט מוסר ריש פ"ט, ובמחיר יין לרמ"א בהקדמה וגם בשער עץ חיים, שער ל"ז פ"ב.

## אויב ס׳מאכט זיך נישט וויאזוי מ׳וויל, מוז מען ווען וויאזוי ס׳מאכט זיך

דאס ווערט געברענגט אין ס׳ משלי חכמים מאמר ל״ז צר׳ היגין. עמוד י״א.

אויך שטייט אין ס׳ נפלאות הסבא קדישא (ח״ב דף ל״ו) אז ס׳איז געווען מרגלא בפומי׳ פון הייליגן ראדאשיצער זי״ע, אויב א מענטש וואלט געווען צופרידן מיט׳ן גאנצן הארץ ס׳זאל זיין ווי עס איז, וואלט מען מסכים געווען אין הימעל איהם צו געבן אלעס וויאזוי ער וויל, כל משאלות לבו לטובה.

## אויף א פרעמדע באָרד איז גוט זיך צו לערנען שערן

ובלשון המדרש (ויק״ר יד ט) לית ספר דמספר לגרמיה.

## אויף דעם גנב ברענט דאס היטעל

דער לשון ווערט געברענגט אין ספר מגילת ספר להיעב״ץ זצ״ל, דף קע״א, בלשון, הגנב בוער כובע שלו, דער אויסדריק שטאמט פון דעם, וואס ביי א יריד אויב ס׳האט זיך געמאכט א גניבה און מ׳האט געוואלט וויסן ווער דער גנב איז, פלעגט מען א שריי טאהן, אויפן גנב ברענט דאס היטל, און דער יעניגער וואס האט פלוצים אראפגענומען זיין היטל זעהן צי ס׳ברענט נישט, האט מען געוואוסט אז דער איז דער גנב. — ובלשון הפסוק (תהלים נ׳ י״ח) אם ראית גנב ותירץ עמו, ״ ז תשור ״.

## אויף צרות געפינט זיך

די גמרא זאגט (חגיגה ה׳ ע״א) זוזא לעללא לא שכיחא, לתליתא שכיח, געלט אויף צו קויפען תבואה געפינט זיך נישט, אבער אויף שאָדן און צו פארלירען געפינט זיך יא.

## אויפגעשטאנען אויף די לינקע זייט

דער רמב״ם (ה׳ דיעות פ״ד ה״ה) זאגט, אז אנהייב נאכט זאל מען זיך לייגען אויף די לינקע זייט און סוף נאכט זאל מען ליגן אויף די רעכטע זייט, און אזוי אויפשטיין.

## אורטעדאָקס

דאס שטאמט מלשון יוני, אורתיס מיינט רעכט, דוקסא, מיינט א גוטן מיינונג אין רעליגיע.

## אז א נערווארפט א שטיין אין ברונען, קענען דאס צען קלוגע נישט ארויסנעמען

מאמר העולם, א ענליך ווארט שטייט אין ס׳ בית יהונתן ד״ח, שוטה אחד יכול לקלקל מה שלא יוכלו אלף חכמים לתקן. איין שוטה קען פארדארבען, וואס טויזנט חכמים קענען נישט פאררעכטן.

## אז א נער שווייגט ווערט ער באטראכט ווי א חכם.

ובלשון הפסוק (משלי י״ז כ״ח) גם אויל מחריש חכם יחשב, אויך איז דא וואס טייטשען גם אויל מחריש, אפילו אויב דער נאר שווייגט, חכם יחשב, איז דער חכם נאך אלס חשובער פון איהם.

## אז ביי אידן איז שוין יא אמאל א סדר פרעגט מען ״מה נשתנה״

בגמ׳ שבת (פ״ח ע״א) עמא פזיזא דקדמיתו פומייכו לאודנייכו, ובפסוק (שמות יג יד) והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת, ובדרך צחות ווערט געזאגט, אז אידן האבן אמאל געדארפט מאכן א סדר האט מען גענדארפט נעמען דעם גוי, יתרו ער זאל קומען מאכן ארדענונג מיט זיין עצה, ואתה תחזה.

## אז דאס מויל איז זאַט, איז די מעל ביטער

ובלשון המשלי (כ"ה ט"ו) דבש מצאת-אכול דיך, פן תשבענו והקאתו, ובלשון הגמרא (סנהדרין ק' ע"ב) אמר במאי איכול לחמא, אויב איינער פרעגט וואס פאר א מין לפתן זאל איך נעמען איינצוטינקען די ברויט, לחמא סב מיניה, נעם פון איהם אוועק די ברויט, ווייל דאס איז א סימן אז ער איז שוין נישט הונגעריג, אזוי שלמה המלך זאגט אין משלי, (כ"ז ז') נפש שבעה תבוז נפת, ונפש רעבה כל מר מתוק.

## אז דו טוסט נישט האסטו נישט געטאן, אז דו טוסט יא, טוה ווי מ'דאַרף

בלשון הגמ' (בעין יעקב) יומא ע"ז ע"א אי לא עבדת לא עבדת, אי עבדת איבעי לך למעביד כדפקדיך.

## אז דו קענסט נישט העלפען מיט געלט, האָטשע העלף איהם מיט א קרעכץ

ובלשון המדרש (ויק"ר פל"ד) אם אין לך מה ליתן לו, נחמהו בדברים, ובגמ' (כתובות קי"א ע"ב) טוב המלבין שיניים לחבירו יותר ממשקהו חלב, בעסער צו ווייזן פאר זיין חבר זיינע ווייסע ציין, דאס מיינט א שמייכעל און א פריילך פנים, ווי צו געבן איהם מילך צו טרינקען, אזוי אויך ביי צדקה זאגט די גמרא (ב"ב ט' ע"ב) כל הנותן פרוטה לעני מתברך בשש ברכות, והמפייסו בדברים מתברך בי"א ברכות, פאר די טרייסט ווערטער וואס ער זאגט פאר דעם ארימאן באקומט ער צו נאך פינעף ברכות.

## אז די גנבים קריגן זיך קומט ארויס די גניבה

מאמר החכם, כשיריבו הגנבים תתגלה הגניבה, ובס' חצי מנשה, פ' לך, בשם הירושלמי, כשנופלת מריבה בין אנשים זרים מרויחים.

## אז די וועלט זאגט זאל מען גלייבן

ובלשון הגמרא בכ"מ, פוק חזי מאי עמא דבר, ובירושלמי (תרומות פ"ח הל"ג) צריכין למיחש למה דברייתא חוששין, מיר דארפען נזהר זיין אויף וואס מענטשען זאגן אז מ'דארף חושש זיין, אזוי אויך שטייט אין ספר הלכות קטנות ח"א סי' ט, מיר האבן א כלל גדול, אויב איז מען נישט קלאָר אין א הלכה, גיי ארויס און קוק ווי אזוי די וועלט פירט זיך, ווייל השי"ת מרוב אהבתו לעם ישראל וועט נישט צולאזן קיין מכושל אין זייערע דרכים, און דער רבים וועט זיך נישט בייגן נאך א דעת היחיד אויב זיין סברא איז נישט אויסגעהאלטען.

## אז דיין חבר רופט דיך אייזל, לייג דיר ארויף א זאטיל

די גמ' (ב"ק צ"ב ע"ב) אמרי אינשי, חברך קרייך חמרא, אוכפא לגביך מוש, אז דיין חבר רופט דיך אייזל, נעם א זאטיל און לייג עס נעבן דיר, דאס מיינט זיי מודה על האמת ווי ער זאגט, וועט נישט ווערן קיין מחלוקת.

## אז דער באשעפער וויל איינעם שטראָפען נעמט ער פון איהם אוועק זיין שכל

ובלשון הפסוק (ישעי' מ"ב כ"ח) משיב חכמים אחור, ודעתם יסכל

## אז דער בייטעל איז פול, איז דער מאָגען רוהיג און שטיל

ובלשון הגמ' (כתובות ס"ב ע"ב) אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו.

## אז מ'איז פויל, האט מען נישט אין מויל

ובלשון הפסוק (קהלת י' י"ח) בעצלתים ימך המקרה, ובשפלות ידים ידלוף הבית, דורך פוילקייט ווערט דער באַלקן געבויגען, און דורך פוילע הענד וואס פאריכט נישט דעם דאַך טראָפּט אריין דער רעגן אין שטוב.

אויך איז דא א שפריכ׳ווארט ביי די בני אשכנז ר תת ת ר ו׳ וההבן.

## אז מ׳אנטלויפט פון פייער, באגעגענט מען האָגל

ובלשון הפסוק (עמוס ה׳ יט) כאשר ינוס איש מפני הארי ופגעו הדוב, ובישעי׳ (כ״ב י״ח) הנס מקול הפחד יפול אל הפחת.

## אז מ׳בעט גוטס אויף יענעם, ווערט מען אליין געהאָלפען

ובלשון הגמ׳ (ב״ק צ״ב ע״א) המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה, ובמליצה אמרו על הרבנים שמקבלים פדיון עם הפתקא, ומבקש רחמים על חבירו ״הוא נהנה תחילה״.

## אז מ׳בעט זיך גוט אויס דא, ליגט מען גוט דארט

ובלשון המשנה (אבות י׳ ט״ז) התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, ובלשון הגמ׳ (כתובות ס״ז ע״ב) זוודאי קלילי ואורחא רחוקא, איך האב מיר צוגעגרייט אביסעל שפייז, צידה לדרך, אויף אזאווייטן וועג, לעולם הבא, אויך זאגט די גמרא (ע״ז ג׳ ע״א) מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, נאך א שפריכ׳ווארט בדומה ״ ר ש ר , ר ר ״.

## אז מ׳בריהט זיך אָפּ מיט הייסע, בלאזט מען אויך אויף די קאַלטע

דער מקור איז אין מדרש שה״ש רבא פ״א, אמרי אינשי דגרית לי׳ חויא מחבלא מדחיל, דער וואס האט איהם געביסען א שלאנג, האט ער נאכדעם מורא אויך פון א שטריק, אויך איז דא א אוי הסדריק ״ ר רת תת ו׳ ר ״.

## אז מ׳האט ליעב א איד דארף מען וויסן וואס ס׳פעלט איהם

הרה״ק רבי משה לייב מסאסוב זצ״ל האט געזאגט אז ער האט זיך אפגעלערענט די מדה פון אהבת ישראל פון צוויי פויערען, ווי זיי זיינען געזיצען אין שענק און געטרונקען אינאיינעם, און איינער פרעגט דעם צווייטן, דו האסט מיך ליעב? ענטפערט יענער אז יא, פרעגט ער איהם צוריק אויב האסטו מיך טאקע ליעב, דארפסטו וויסן וואס ס׳פעלט מיר, פון דעם האט ער זיך אפגעלערנט וואס מיינט אהבת ישראל, מ׳זאל וויסן וואס ס׳פעלט איהם און איהם העלפען.

## אז מ׳האַקט האָלץ פאַלן שפענדליך

דער באדייט, ווען ס׳קומט א עונש פאר גרויסע בעלי עבירות ליידן אויך די קליינע חוטאים, ובלשון הגמרא (ב״ק צ״ב ע״א) בהדי הוצא לקי כרבא.

## אז מ׳וויינט, וויינט מען אליין, אז מ׳לאַכט, לאַכט מיט די גאנצע וועלט

ובלשון המדרש (תנחומא וישב ט״ז) יש לך אדם שהוא אוהב חבירו ברווחה, הגיעה לו צרה, עושה עצמו כאילו אינו יודע. — מיט דעם טייטשט מען, וישגב אביון מעוני וישם כצאן משפחות, אז ער וועט ווערן א עושר, וועט ער צובאקומען אסאך קרובים, והבן.

אויך זאגן אויף דעם די מגידים, וואס שלמה המלך זאגט (קהלת ד׳ ט׳) טובים השנים מן האחד וכו׳ כי אם יפולו האחד יקים את חבירו, ואילו האחד שיפול ואין שני להקימו, דאס מיינט צוויי חבירים פון די יוגענט, ס׳קומט אויף דער עלטער און ביידע האבן געמאכט פרנסה, איז אויב האט פאסירט אזביידע זיינען געפאלען און געווארען נצרכים (כי אם יפולו, לשון רבים), האחד יקים את חבירו, העלפט ארויס איינער דעם צווייטן, אויב אבער איז נאר איין חבר געפאַלען און געווארן א נצרך, אבער דער צווייטער איז געבליבן א עושר (ואילו האחד שיפול) דעמאלט איז אויס חברותא (ואין שני להקימו), דער עושר איז מער נישטא ארויסצוהעלפען דעם אָרימען חבר פון אמאל, ער קען איהם מער נישט.

# אז מ׳זאגט געשטאָרבן גלויב

די גמרא זאגט (גיטין ל׳ ע״ב) חברך מית אשר, חברך איתעשר לא תאשר, אויב מ׳זאגט דיר, דיין חבר איז געשטאָרבן זאלסטו גלייבן, אויב מ׳זאגט דיר אז דיין חבר איז רייך געווארען, זאלסטו נישט גלייבן, ווייל מיתה שכיחא, עשירות לא שכיחא.

# אז מ׳זייעט אין ליידן, שניידט מען אין פריידן

ובלשון הכתוב, הזורעים בדמעה, ברנה יקצורו.

# אז מ׳טוט א הונט גוט׳ס, גיבט ער נאכדעם א ביס.

ובלשון המדרש (ב״ר פכ״ב) טבא לביש לא תעביד, גיטס פאר א שלעכטן זאלסטו נישט טאהן, וביש לא ימטא לך, וועט דאס שלעכט׳ס דיך נישט דערגרייכען.

# אז מ׳לייגט זיך ווי א איד, שטייט מען אויף ווי א איד

דער מקור פון דעם שטייט אין פסוק ״ויהי ערב ויהי בוקר״, וואס פאר א נאכט דו האסט, אזוי א צופריא וועסטו האבן. (ס׳ תיקון קר״ש שעל המיטה, לר״נ מברסלב זצ״ל)

מרגלא בפומיה פון הרה״ק ר״מ מפרעמישלאן זצ״ל ״ר ׳ ת ר
ש ר ר ש, ר ר ׳ ת ר ז ר
ר ז״. און האט מיט דעם פארשטיין געגעבן ווי דער שלחן ערוך הייבט אן מיט׳ן לשון ״יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו״. זאגט אויף דעם דער רמ״א בהגה״ה, ובשכבו על משכבו ידע לפני מי הוא שוכב, מיינט ער צו זאגען אויב ווילסטו אויפשטיין צופריא ווי א לייב, מוזטו זיך לייגן ווי א לייב צו וויסן לפני מי הוא שוכב, אזוי דער פסוק זאגט, אם זכרתיך על יצועי באשמורות אהגה בך. (דברי יחזקאל, תהלים, שארית אהרן פ׳ פקודי)

א באמערקונג, דער פשוט׳ער פשט אין רמ״א רעדט זיך שוין באמת פון צופריא ווען ער דערוועקט זיך און ליגט נאך אין בעט, אזוי ער איז ממשיך, ומיד שיעור משנתו יקים בזריזות לעבודת בוראו יתעלה ויתרומם, והבן.

## אז מ'נעמט זיך פיר העלפט דער פון אויבען

דאס מיינט אז דער מענטש נעמט זיך אונטער צו טאן א גוטע זאך, העלפט דער באשעפער ער זאל עס קענען דורכפירען, דאס לערענט אונז די חכמים אין די גמ' (שבת ק"ד ע"א) הבא ליטהר מסייעים אותו, אויך אין מס' מכות (י' ע"ב) בדרך שאדם רוצה לילך בה מוליכין אותו. ועיין במהרש"א שם.

## אז מען איז פויל, האט מען נישט אין מויל

ובלשון הפסוק (משלי י"ט כ"ד) טמן עצל ידו בצלחת, גם על פיהו לא ישיבנה.

## אז מען שערט די שאָף, ציטערען די לעמעלעך

ובלשון הגמ' (מו"ק כ"ה ע"ב) אם בארזים נפלה שלהבת מה יעשו אזובי קיר, אויב אויף די טענען ביימער איז געפאַלן א פלאַם פייער, וואס זאלן טאהן די קליינעביימעלעך וואס וואַקסען ביי די וואַנט.

## אז מ'קוקט נישט מיט די אויגען, דערלייגט מען מיט דער קעשענע

ובלשון הגמ' (ב"מ כ"ט ע"ב) מי שהניח לו אביו מעות הרבה ורוצה לאבדן, ישכור פועלים ולא ישב עמהם, אויב דער טאטע האט איבערגעלאזט פאר זיין זון אסאך געלט און ער וויל עס שנעל פארלירען, זאל ער דינגען ארבייטערס, און נישט זיין מיט זיי, - בדרך בדיחותא לייגט מען צו דעם צו, און אויב ער וויל פארלירען דאס הארץ אויך זאל ער יא זיין מיט זיי, וועט ער זיך עסן דאס געזונד.

ובגמ' חולין (ק"ח ע"א) מאן דסייר נכסי' כל יומא משכח אסתירא, עיי"ש.

## אז מ'קען נישט אריבער מוז מען ארונטער

דער מקור איז אין מדרש, הלל אומר השפלתי הוא הגבהתי, הגבהתי הוא השפלתי (דברי ישראל, כללי אורייתא, אות ה'). וכידוע דער באקאנטער פתגם אין חב"ד, בשם הרה"ק מהר"ש מליובאוויטש זצ"ל בזה הלשון, די וועלט זאגט, אז

וועם מ'קען נישט ארונטער, דארף מען אריבער. און איך זאג, אז מ'דארף ד
ר ש . – ובלשון הגמ' (יבמות קכ"א ע"א) וכל גל וגל שבאת עלי נענעתי את ראשי.

## אז מ'קען נישט שמעקן שיס פולווער, דארף מען אין א מלחמה נישט גיין

ובלשון הפסוק (דברים כ ח) כי תצא למלחמה... מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו.

## אז ס'איז נישטא קריגט מהן נישט [קריגט מען זיך נישט]

מאמר העולם במליצה לפי הגמ' (ב"ק כ"ז) בדליכא כולי עלמא לא פליגי.

## אז צוויי זאגן דיר שיכור, גיי לייג דיך שלאפען

ענליך צו דעם זאגט דער מדרש (ב"ר פמ"ה) אם אמר לך חד, אודנך דחמר לא תיחוש, אויב זאגט דיר איין מענטש האסט אויערען פון אן אייזעל, מאכט זיך נישט צו טאן, תרין, עביד לך פרומביא, אויב זאגן דאס צוויי מענטשען אויף דיר, לייג דיר ארויף א שלאָס אויפן מויל אזווי א אייזעל.

## "אזוי איז נישט גוט"

איינער איז אריין צום בעלזער רב הרה"ק מהר"א זצ"ל און זיך געזעגנט מיט א קוויטל, פרעגט איהם דער רבי, וויאזוי גייט די פרנסה, ענטפערט דער איד "אזוי", זאגט איהם דער בעלזער רב, אזוי, איז נישט גוט, אדער גארנישט אדער אסאך, ווייל אויב האט מען גארנישט קיין פרנסה, דעמאלט בעט ער דעם רבש"ע זאל איהם העלפן, און ער גיט איהם א סאך, אויב האט ער יא פרנסה בהרחבה, איז דאך אוודאי גוט, און ער לויבט דעם אויבערשטן דערפאר, אבער צו זאגען סתם "אזוי", דעמאלט בעט ער דאך גארנישט פון הקב"ה, ממילא בלייבט ער ביי דעם מצב וויאזוי ס'איז. (בטוב צדיקים דף י"ג)

## אזוי ווי ער ווייסט נישט אזוי זאל עס איהם נישט שאַדן

אין פני משה אויפן ירושלמי (תרומות פ"ח ה"ז) שטייט, צומאל קען א מענטש עסן א מאכל וואס איז איהם נישט געזונט, און אפילו שעדליך, נאר וויבאַלד ער ווייסט נישט דערפון מאכט עס איהם נישט קיין שאָדן, אבער ווען ער ווערט געוואויר דערפון שעדיגט עס איהם.

אין שו"ת שבט מיהודה (א יט) שטייט דאס וואס א מענטש קען זיך נישט גענוג באהיטען און נזהר זיין דערפון מקוצר הדעת, היט איהם הקב"ה דערפון פון אויבען ער זאל נישט געשעדיגט ווערן.

ובס' פלא יועץ אין די הקדמה שרייבט אז צומאל ווען א שידוך דארף געשעהן און ס'איז נישט אויסגעהאַלטען לויט די צוואה פון ריה"ח, מאכט מען פון הימעל ער זאל פארגעסען פון די צוואה כדי דער שידוך זאל קענען צוזאמ'קומען.

## אחרי מות קדושים אמור

נאכן שטארבען זאגט מען אויף איהם אז ער איז געווען א קדוש, [דער אויסדריק ווערט דערמאנט אין פלא יועץ אות סנגוריא] ס'איז דא אויף דעם א סמך אין מדרש תנחומא (תולדות אות ז') אויף דעם פסוק (תהלים ט"ז ג') לקדושים אשר בארץ המה, אימתי הם קדושים כשהם קבורים בארץ, אויך אין מהרש"א (שבת קנ"ג) שטייט אז ביים לעבען ווען מ'לויבט איינעם קען זיין אז דאס איז נאר חנופה אדער וועגן יראה, ווענענדעם זאגט די גמ' איזהו בן עוה"ב, א"ל אזניך תשמענה דבר מאחריך.

## איבונג מאכט דעם מייסטער

מליצת אשכנזי, ובצוהר התיבה בהקדמתו כתב "ההרגל יעשה אומן".

## איבער לעגען - איבער שפּיציג

דער חת״ס האט געזאגט איבער דעם וואס מענטשן זאגען בלשון אשכנז ״איבער׳לעגען״, ווייל אין מוח איז דא צוויי חדרים, און דעם רעכטן חדר איז דער מענטש מקבל די חכמה, און נאכדעם גייט אריבער די מחשבה צו דעם לינקען חדר, און דארט טראכט מען דאס איבער מיט פארשטאנד, דאס איז די בינה. און דאס מיינט מען ווען מ׳זאגט איך וועל מיך איבער לייגן, און דערנאך וואס דער מענטש קומט צו אן החלטה און זיין שכל איז מסכים צו דעם, דאס ווערט אנגערופען ״דעת״. און דאס איז אויך די כוונה פון ״איבערשפיציג״. (ליקוטי חבר בן חיים, ח״ה, כללי הש״ס)

## איבער שכם און איבער יוסף

דאס איז א לשון רש״י פ׳ ויחי, שמעון ולוי אחים, בעצה אחת על שכם ועל יוסף.

## איבערגעדרייט דעם טאָפּ אויף אראפּ

בשיגרא דלישנא, הפך קערה על פיה, ובלשון הגמ׳ (ב״ב ט״ז ע״א) ביקש איוב להפוך קערה על פיה, ועיין בס׳ קול אליהו להגר״א פ׳ שליח, מעשה נחמד ונעים מס׳ בן המלך והנזיר.

## אידיש נחת

אזוי וואונטשן זיך אידן איינער דעם צווייטען ביי זייערע שמחות. אין בעלז האט מען מקפיד געווען צו זאגען אידיש נחת, און נישט סתם נחת, ווייל מיר געפונען אויך ביי די בני עשו (בראשית לו, יג) וואס האט געהייסן נחת, וואונטשן מיר אידיש נחת. דער באדייט פון ווארט נחת, זאגט דער ערוך, לשון ״באפעסטיגט״, אזוי ווי כלי עץ העשוי לנחת, אויך סנדל של נחת, א זאך וואס ליגט פעסט אויף זיין פלאץ, דאס איז אויך דער לשון יונה מצאה בו מנוח. — אינטערעסאנט צו באמערקן וואס ס׳שטייט אין פסוק (מלאכי ב, ה) ומפני שמי נחת הוא, און דארט איז דער פשט לשון יראה והכנעה. מרן רביה״ק מסאטמאר זי״ע פלעגט זאגן נחת מיינט נאר ווען ס׳איז אידיש נחת.

## אידישער חן איז אומעטום שיין

ובברכת כהנים, יאר ה׳ פניו אליך ויחנך, ובמדרש רבה שם, יתן ה׳ חינו עליך בכל מקום שאתה הולך.

## אידענע

אין ס׳ משכנות הרועים, חלק ע״ד סק״ו שטייט אז דער זיווג בין איש לאשה איז א רמז לזיווג עליון יחוד קוב״ה ושכינתי׳, ווענן דעם רופט מען א פרוי נאך די חתונה בלשון ׳אידענע׳, א רמז אויף די צוויי שמות של הקב״ה, וואס לייגט זיך אזוי אויס ווען מ׳שטעלט אויס די שמות אינאיינעם.

## איטליכער נער האט זיין שכל

מאמר העולם. הרה״ק רבי ברוך ממעזיבוז זי״ע האט געזאגט דעם טעם, ווייל אין פרקי אבות שטייט, איזה חכם הלומד מכל אדם שנאמר מכל מלמדי השכלתי, אבער דער שוטה וואס לערנט זיך נישט פון קיין צווייטען, ממילא האט ער נאר זיין אייגענעם שכל. און דער ראפשיצער רב זצ״ל האט געזאגט אויף דעם, אז דער רבוש״ע האט באשאפן די וועלט, כולם בחכמה עשית, און אפילו דער נער האט שכל פאר זיך.

## איין אויג האט מער גלויבען ווי צוויי אויערען

ובפתגם השגור, אינו דומה שמיעה לראי׳, ובמכילתא יתרו, לא דומה שומע לרואה

## איין גאסט ברענגט א צווייטן

מאמר העולם במליצה לפי משאחכז״ל (ב״ב צ״ח ע״ב) אין אורח מכניס אורח, וכעי״ז בדרא״ז פ״ח, אורח מכניס אורח הרי זה מגונה, ובמג״א סי׳ קס״ח סק״ד כ׳ דאין בעה״ב מקפיד אם אורח אחד נותן לחבירו.

## איין האנד וואשט דאס צווייטע.

מובא בס׳ זכרון בספר, פנינים היקרים, בלשון, יד אחת תנקה השניה, ואיש אחד יעזור את רעהו, ובלשון הגמ׳, כהנא מסייע כהנא.

## איין טאטע קען שפייזן צען קינדער, און צען קינדער קענען נישט שפייזן איין טאטען

דער מקור פון דעם מאמר שטייט אין שלה״ק (שער האותיות, אות דרך ארץ), ענליך צו דעם שטייט אויך אין פלא יועץ (ערך קרובים), וביסודו ווערט דאס דערמאנט אין די גמ׳ (סוטה מ״ט ע״א) רחמי דאבי אבני, רחמא דבני אבני דהוו לי׳. אויך לגבי דין של בא במחתרת, זאגט רש״י (פסחים ב׳ ע״ב) אבא בוודאי לא יהרוג בנו, אבל בנו עלול להרוג את אביו.

בדרך צחות לייגט מען צו, , . אין מדרש פנחס אות ט׳ ברענגט אויף דעם א טעם, ווייל וואס א טאטע גיט פאר זיינע קינדער איז בחי׳ אור ישר, דאס איז רחמים, און וואס קינדער געבן פאר זייער טאטען איז בחי׳ אור חוזר, און דאס איז דינים, וועגן דעם קומט דאס אן שווערער. דער אוסטרובצער גאון אין ס׳ מאיר עיני חכמים (מהד״ת שיחה) זאגט אויף דעם א טעם, ווייל אדם הראשון האט געזארגט פאר זיינע קינדער, און דאס איז אריבער אויף די דורות שפעטער בטבע בנ״א, אז עלטערן זאלן זארגן פאר זייערע קינדער און זיי שפייזן, כרחם אב על בנים, אבער קיין טאטען האט ער נישט געהאט, ער איז געבוירן געווארן עפר מן האדמה, ויפח ה׳ באפיו נשמת חיים, ממילא איז די מדה פון קינדער צו העלפן די עלטערן, נישט נשרש געווארן לדורות.

## איין נער מאכט פילע נערנים [יעדען צו נער]

מובא בס׳ מטפחת ספרים להיעב״ץ, עמוד ה׳, בלשון פתי אחד עושה פתיים רבים. ענליך פון דעם שטייט אין מדרש (קה״ר י, ד) טפשא סבר דכל עלמא טפשין. דער טיפש מיינט אז די גאנצע וועלט זענען טפשים.

## איין שוואלב קען קיין זוממער נישט מאכן

מאמר העולם. מובא בס׳ פחד יצחק מע׳ ד׳ בלשון, דרור אחד לא יבשר האביב, או לא יעשה הקיץ. — וכדוגמתו (אבות פ״א י״ד) וכשאני לעצמי מה אני, ובאידיש, ״ר ר ״.

## איינער האט קיין אפעטיט צום עסן, דער אנדערער האט קיין עסן צום אפעטיט

ובגמ׳ (חולין ז׳ ע״ב) יש רוצה ואין לו, ויש שיש לו ואינו רוצה.

הרה״ק רבי זושא מאניפולי זי״ע פלעגט זאגן בשמחה רבה, מודה אני לפניך, רבש״ע אז דו האסט מיר געגעבן א גוטן אפעטיט, און נאכדעם האט ער מתפלל געווען אויף זיין שפייז, צו קענען זעטיגען דעם אפעטיט.

## איינער צום דריטען איז נישט קיין מחותן

דאס שטאמט פון די גמרא (סנהדרין כ״ח ע״ב) אבי חתן ואבי כלה מעידין זה על זה ולא דמו להדדי אלא כי אובלי לדנא, מחותנים מעגען עדות זאגן איינער אויפן צווייטען ווייל זיי זיינען נאר גלייך ווי אטעפיל צום שטערציל

## איך גיב דיר א פייג

דאס מיינט, איך גיב דיר א קלייניגקייט און נישט מער, אזוי ווי די גמ׳ (ב״מ ס״ח ע״ב) זאגט, לא אכל עמי אלא גרוגרת אחת. ובדרך צחות זאגען די בדחנים, איבער די גמרא המקדש אשה בתמרי, אויב איינער איז מקדש א פרוי מיט א טייטעל, פארוואס ווערט נישט דערמאנט א פייג, ווייל א פייג ווייזט מען נישט גלייך ביי די חתונה.

## איך וויל נישט איינשלאפן, איך וויל זיך נאר אויסרוען

אזוי צו זאגען איז א סגולה פאר דעם וואס וויל שלאפן און קען נישט, דאס פלעגט נאכזאגען הרה״ק מהר״א מבעלזא זצ״ל בשם זקינו המהר״י זצ״ל. (שיח זקנים ח״ד עמוד ר״י)

## איך וועל דיר ווייזן ווער ס׳איז עלטער

דער קדושת לוי (ליקוטים חדשים) שרייבט, אז דאס איז די שפראך בלשון אשכנז פון א מחוצף עזות פנים, אפילו א אינגער וואגט זיך דאס צו זאגען קעגן א זקן שבזקנים. זאגט ער אויף דעם, והנה באמת ניבא ואינו יודא מה ניבא, ווייל ער איז טאקע עלטער, ווי די גמ׳ זאגט, אז די עזי פנים שבדור באלאנגען צו נשמות וואס דער רבש״ע האט געטראכט צו באשאפן אין די דורות הקודמים, און זיי פארשפרייט איבער די שפעטער׳דיגע דורות, עיי״ש.

## איך וועל מיט איהם לערנען בלק

דאס מיינט ווי מ׳זעהט אין די פרשה אז בלק האט פראַבירט צו טוען שלעכטס פאר אידען אויף פארשידענע וועגן קעגן דעם רצון פון השי״ת, און צום סוף האט ער זיך געלערענט אז מ׳קען נישט מצליח זיין מיט פאלשע דריידלעך.

## איך זאל האנדלען מיט ליכט, וואָלט די זון נישט אונטערגעגאנגען

איך זאל האנדלען מיט תכריכים וואלט קיינער נישט געשטארבען

פתגם הידוע מהר״א אבן עזרא המקונן על גורלו ברוע מזלו.

## אין די שאלה פון א חכם ליגט שוין א האלבע תשובה

מובא ברמב״ן במלחמות ה׳ סופ״ט דסנהדרין, ועוד, בלשון, שאלת החכם חצי התשובה,

## אין דעם וועג וואס דער מענטש וויל גיין פירט מען איהם

ובלשון הגמ׳ (מכות י׳ ע״ב) בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, און דער מהרש״א איז מסביר אז פון דעם רצון ומחשבה פון דעם מענטש ווערט באשאפען

א מלאך לפי ענינו אם לטוב אם לרע, און די מלאכים פירן דעם מענטש לויט זיין באַגער.

## אין דעם זעקל פון ארימאן טרעפט מען צומאל א דימאנט

ובלשון הזוהר (שלח, דף קנ״ז ע״ב) זימנין באפרקתא דעניא תשתכח מרגניתא, וכעי״ז בצוואת ר״א הגדול סי׳ כ׳, בלשון: כמה מרגליות מצאו באפרקסותו של עני.

## אין פסוק שטייט, די גמרא זאגט, דער מדרש ברענגט

מרגלא בפומי דאינשי, ס׳האט א צדיק געזאגט אז צו לערנען מדרש איז מסוגל לפרנסה, ווייל דער מדרש ברענגט אלע השפעות טובות.

## אינטערשטע שורה

מקורו בב״ב קס״א ע״א, וצריך שיחזיר מענינו של שטר בשיטה האחרונה.

## א-ל אדון על כל המעשים, איז א תירוץ אויף אלע קושיות

מאמר החכם המורגל בחסידי סלאנים. (תורת אבות)

## אַלטע זאַכן פאר׳רעכטן, און נייע נישט קאליע מאַכן

מאמר המיוחס להרה״ק רבי ר׳ הירש מרימנוב זי״ע וועז ער האט זיך משדך געווען מיט הרה״ק מרוזשין זי״ע און האט איהם געפרעגט איבער זיין יחוס, האט ער איהם געענטפערט, איך בין געווען א יתום פון קינד ווייז אָן, מיין טאטען און מאמען האב איך נישט זוכה געווען צו קענען, מ׳האט מיך איבער׳געגעבן צו א עהרליכן שניידער זיך אויס׳צולערנען די פאַך, און זיי האבן מיר איבערגעגעבן דאס וואָרט פון מיינע עלטערן, איך בין אלץ געגאנגען בדרך האמת, און אויף דעם האב איך אלץ אכט געגעבען.

## אלעס וועט זיך אויסגלייכען

ובלשון הפסוק (ישעי׳ מ׳ ד׳) והי׳ העקוב למישור והרכסים לבקעה ונגלה כבוד ה׳, אויף דעם איז אינטערעסאנט צו ברענגען דעם לשון הזהב פון רמב״ם, סוף ה׳ שמיטה ויובל, כל איש ואיש מכל באי העולם אשר נדבו רוחו אותו והבינו מדעו להבדל לעמוד לפני ה׳ לשרתו ולעובדו לדעה את ה׳ והלך ישר כמו שעשהו האלקים ופרק מעל צווארו עול החשבונות הרבים אשר בקשו בני האדם, הרי זה נתקדש קודש קדשים, ויהי׳ ה׳ חלקו ונחלתו לעולם ולעולמי עולמים, ויזכה לו בעוה״ז דבר המספיק לו כמו שזכה לכהנים ללוים, הרי דוד המלך ע״ה אומר ה׳ מנת חלקי וכוסי אתה תומך גורלי, ע״כ.

דאס זאגט שלמה המלך אין פסוק (קהלת ז׳ כ״ט) לבד ראה זה מצאתי אשר עשה האלקים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים

## אלץ אין איינעם איז נישטא ביי קיינעם

ובגמ׳ (ברכות ה ע״ב) לא כל אדם זוכה לשתי שולחנות, ובגמ׳ (גיטין נ״ט ע״א) מימות משה ועד רבי וכו׳, לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד, ובגמ׳ הרוצה להחכים ידרים, להעשיר יצפין, ואר״י לעולם ידרים, ומתוך שיתחכם יתעשר.

## א׳מונה ב׳רכה ג׳זילה ד׳לות

צוויי אידן זיינען געקומען צום רב זאל מאכן פאר זיי א שטר שותפות, האט ער גענומען א צעטיל קטן און אויפגעשריבן פיר אותיות, **תשת״ז**, און געזאגט, אז דאס איז ר״ת אמונה ברכה גזילה דלות, און דאס איז דער שליסל צו ענקער הצלחה.

## אמת שווימט ארויף ווי בוימל אויפן וואסער

ובלשון המדרש (שמ״ר, ל״ו א) השמן אפילו אתה מערבו בכל המשקין שבעולם הוא נתון למעלה מהן.

## אן אייזענע קשיא

דער מקור אין די גמ׳ מנחות (צ״ה ע״ב), הקשה אדם קשה, שהוא קשה כברזל.

## אן אייניקעל האט מען ליבער ווי אַן אייגען קינד

ובלשון הזוהר (ויחי, רל״ג) חביבותא דבני בנוי חביב עלי׳ דבר נש יותר מבנו.

## אָן קיין הוצאה איז נישטא קיין הכנסה

מאמר העולם, ההוא הוצאה הכנסה קרי לי׳, ובגמ׳ תחילת שבת איתא להיפך, ובמבחר הפנינים שער החכמה, סדר ההוצאה חצי הפרנסה, וכ״ה ביש נוחלין או״ח ל״ז.

## אסאך שקרים ווערן באניצט צו באפעסטיגען איין שקר

מובא בס׳ שבט מיהודה דף ק״י, בלשון לתקן השקר צריך לכמה שקרים.

## אפגערעכנט איז האלב באצאלט

הרה״ק החוזה מלובלין זי״ע האט געזאגט, אויב א מענטש טוט זיך אפשאצן לויט דעם ערך וואס ער איז באמת, דאס איז ווי די וועלט זאגט, אפגערעכנט איז האלב באצאלט. און די סברא איז, אזוי ווי ווען איינער ברענגט אריין סחורה פון א פרעמדע מדינה, אויב ס׳האט דעם חותם המלך, איז די סחורה כשר וישר. דאס זעלבע דער מענטש וואס טוט אנערקענען זיין אייגענעם ערך ריכטיג באמת, האט אויף זיך דעם חותם המלך פון הקב״ה, וואס זיין חותם איז אמת, דער איז א אדם כשר. (שמחת ישראל, מאמרי שמחה)

## אפשר פארקערט

איינער א סתם מקשן עם הארץ איז צו׳געוואוינט צו זאגען אין א שמועס, אפשר פארקערט, אן קיין שום סברא ושכל. דאס איז מרומז אין די טעמי הנגינה, ״מהפך פשטא זקף קטן״ דאס מיינט אז דער קליינער קאפ דרייט איבער דעם פשוט׳ן פשט. (אוצר יד החיים, אמרות) — ובדומה, ד׳ר .

## ארבייט איז נישט קיין שאנד [אבער קיין כבוד אויך נישט]

דער לשון הגמ׳ אין פסחים קי״ג ע״א, פשוט נבילתא בשוק, ואל תצטרך לבריות. אין מחברת הערוך לר״ש פרחין שטייט, ״גאות חבר לעניות״, ובמליצה, ערום אין לו בושת.

## אַרבעס

אזוי רופט מען די זכר-בונדלעך, ע״ש הפסוק הרבה ארבה את זרעך, און תיכף דערנאך זאגט דער פסוק הנך הרה וילדת בן, אין ס׳ שפע חיים (ח״א סי׳ נ) שטייט במקומותינו נוהגים לאכול ארבעס בסעודת נישואין עשה״כ ואנכי הרבה ארבה את זרעך.

## ארום א פעטן טאָפּ איז זיך גוט צו רייבען

בלשון הגמ׳ (שבועות מ״ז ע״ב) קרב לגבי דהינא ואידהן, דערנענטער דיך צום פעטן וועסטו אויך פעטיג ווערען, וועגענדעם ווערט אנגערופען דער טייך פרת בשם נהר הגדול, הגם וואס ס׳איז קלענער פון אנדערע נהרות, נאר וועגען חשיבות פון ארץ ישראל ווערט דאס אויך אנגערופען מיט א חשיבות, ובדומה ״ ש ר תת ר ת ת ״, הדבק לשחוור וישתחוו לך.

## ארחי פרחי

המקור בגמ׳ כתובות ס״א ע״א, זאגט רש״י, ארחי, די געסט וואס האלטן זיך אויף לשבת או חודש, או פרחי, דאס איז די אורחים וואָס פאָרן נאר דורך אין פליען ווייטער.

אינטרעסאנט צו באמערקען דעם לשון החת״ס אין או״ח סי׳ מ׳, וז״ל אין נכון לקנות ציצית מארחי פרחי, ולא יקנה אלא מאיש נאמן המכיר אותו.

## ארייַן איז אמאל גרינגער ווי ארויס

דער מדרש דערציילט (קהלת פ"ה י"ד) א פוקס האט געזען א שיינעם וויין גארטען, און האט געטראפען א לאך אין גדר, און מיט שווערקייטן זיך אריינגערוקט אין גארטען, און האט זיך גוט אנגעגעסען מיט אסאך טרויבען, אבער אזוי ווי ער איז פעט געווארען האט ער שוין נישט געקענט ארויסגיין דורכן לאָך, האט ער קודם געמוזט פאסטען אפאר טעג ער זאל קענען מאָגער ווערן און אזוי ער האט זיך ארויסגעשטופט דורכן לאָך, ועיי"ש הנמשל.

ובלשון התוספתא (שבת פט"ז) תינוק שנכנס לבית ואינו יכול לצאת, שוברין דלתות הבית, ומוציאין אותו משם.

## ארים איז גלייך ווי געשטארבען [אבער רייך איז נאך נישט געלעבט]

ובלשון הגמ' (נדרים ז' ע"ב) עניות כמיתה, ובפתגם השגור, עני חשוב כמת

## אשר יצר פאפיר

אין ס' ברכת שלמה להרה"ק מסטיטשין זצ"ל שטייט אז ס'איז א גנאי ובזיון צו רופן אויף אָפ'וויש פאפיר מיט דעם לשון "אשר יצר'לך" און מ'זאל דאס נישט אזוי רופן, אויך הרה"ק מקאלאשיץ זצ"ל האט מקפיד געווען מ'זאל דאס נישט רופן מיט דעם נאמען וועגן כבוד הברכה.

## אשרי העם שככה לו "זאל זיין אזוי"

אזוי האט אליהו הנביא געזאגט פאר דעם תולדות זצ"ל אלס א לימוד, אז א מענטש זאל נישט האבן קיין קפידות צו זאגען, איך וויל דוקא אזוי, נאר זיין צופרידן וויאזוי ס'איז, זאל זיין אזוי. (קובץ אליהו, תולדות, אות ס"ב)

## אתה בחרתנו

האסט אונז געמאכט פאר בחורים, בעטן מיר דיך, והשיאנו, מאך אונז אויך חתונה. מאמר הייטב לב זצ"ל, והי' מרגלא בפומא של הברך משה זצ"ל.

## באנאנעס- חוה'ס פייגען

דער טעם פארוואס מ'רופט באנאנע מיט דעם אויסדריק חוה'ס פייגען, ווייל ביים חטא פון עץ הדעת שטייט, ויתפרו עלי תאנה ויעשו להם חגורות, זיי האבן גענומען בלעטער פון א פייגן בוים און געמאכט דערפון גארטלען, אז מ'זעהט אונזערע פייגן ביימער זיינען זיי גאנץ שמאל, נישט ברייט און נישט לאנג, אבער די באנאנע ביימער זיינען גאנץ לאנג, און ברייט ארום צוויי טפחים, און פון זייערע בלעטער קענען ארויסקומען גיטע גארטלען, וועגן דעם רופט מען דאס חוה'ס פייגן. (ס' אבני ציון, מאמרים מהקדושת ציון מבאבוב זצ"ל.) ועיין בס' הברית ח"א מאמר י"א.

## באָרגן מאַכט זאָרגן - בארגן און נישט אפגעבן מאכט א בייז לעבן

ס'איז דא א מאמר החכם: ההלוואה, דאגה בלילות ובזיון בימים, ועוד ההלואה ראשית אהבה, וסופה מריבה ואיבה, און די גמ' (פסחים קי"ד ע"א) זאגט, דאכיל אליתא טשי בעליתא, דער וואס קויפט פעט פלייש אויף באָרג, באַהאַלט זיך אויפן בוידעם כדי דער קצב זאל נישט קומען און זאגן, איך לאז דיך נישט עסן ביז די באצאלסט קודם, ובצוואת ר"י אבן תבון, לין בלא סעודה והשכם בלא חוב ומכאוב.

## באַרכעס

אזוי רופט מען די שבת'דיגע חלות, לשון ברכות, אין ס' אלף כתב (סי' תכ"ז) שטייט וואס ער האט געזעהן אין א סידור ישן נושן צווישן די תחינות נפלאות ווי דארט שטייט א תפלה וואס די פרוי זאל זאגן עש"ק נאכן אָפשיידען חלה, אז זי בעט השי"ת זאל שיקען דעם מלאך וואס איז ממונה אויף די "בַרכות" דאס איז די שבת'דיגע חלות, אז דאס זאל זיך גוט אויסבאקען שיין און גלאנציג לכבוד שב"ק

## בארשט

אין ספר אוצר ישראל שטייט בשם הרה"ק מאפטא זי"ע אז דאס מאכל בארשט מיט ברויט איז נישט מגשם. וכידוע אז די ר"ת פון ב'רכם ש'מרם ט'הרם

ר׳חמי, איז ברש״ט. און הרה״ק ר״י מפשעווארסק זצ״ל האט נאכגעזאגט פון צעשינוב רב זצ״ל, אז בירש״ט איז ר״ת ר׳בי י׳שראל ב׳על ש׳ם ט׳וב. (תפארת נפתלי, דף ק״א)

## בונדלעך

דאס איז א שבת׳דיג מאכל, וברמז לשון ״בונד״, שבת היא ברית עולם, א בונד צווישן הקב״ה און די אידישע קינדער.

אין ס׳ תפארת אבות, מנהגי סוליצא, תכ״ד, שטייט, א דבר נפלא וואס די וועלט זאגט, אז וועגענדעם האבן די בונדלעך זוכה געווען מ׳זאל מאכן פון זיי א שבת׳דיג מאכל, ווייל מ׳זעהט אז נאר בהמות טהורות עסען בונדלעך, און בהמות טמאות עסן דאס נישט.

## ביז די פערציג וויל מען מער עסען, און נאך די פערציג מער טרינקען

ובלשון הגמ׳ (שבת קנ״ב ע״א) עד ארבעים שנין מיכלא מעליא, מכאן ואילך משתי מעליא, וברמז נאה, דער פערציג׳סטער פסוק פון בראשית שטייט ״וטוב למאכל״, און נאכדעם זאגט דער פסוק ונהר יוצא מעדן ״להשקות״, והבן.

## ביז דער פעטער ווערט מאָגער ווערן, גייט דעם מאָגערן די נשמה ארויס

ובלשון המדרש (איכה רבה פ״ג) עד דשמינא כחיש כחישנא מייתי.

## ביז הונדערט און צוואנציג יאר

מיט די ברכה וואונטשן זיך אידן איינער דעם צווייטען, צו לעבן לאנגע און גליקליכע יארן עד מאה ועשרים שנה. — ביסודו נעמט זיך דאס, לויט דעם פסוק אין פ׳ בראשית, בשגם הוא בשר והיו ימיו מאה ועשרים שנה, אבער דער פשט פון פסוק זאגט רש״י אז דער רבש״ע האט געזאגט פאר נח, עד ק״כ שנה אאריך להם אפי, און דער אבן עזרא דארט שרייבט, ס׳איז דא וואס זאגען אז דאס איז דער באשטימטער זמן פון די לעבנס׳טעג פון מענטשן, אבער דאס איז נישט אמת, ווייל

שם האט געלעבט 600 יאר און די דורות נאך איהם האבן אויך געלעבט לאנגע יארן, ס׳איז באקאנט פון פינף גרויסע מענטשן וואס האבן געלעבט 120 יאר, משה רבינו, ישעי׳ הנביא, רבי יוחנן בן זכאי, הלל, און רבי עקיבא. ווידער איז דא וואס וואונטשן,ש ו ז ר ת ר , דאס מיינט אז ביי די הונדערט זאל מען זיך גוט שפירן אזוי אין די צוואנציגער יארן, בת ק׳ כבת כ׳.

## ביז עס קומט די נחמה, קען ארויסגיין די נשמה

ובלשון המדרש איכ״ר פ״ג י״ח עד דשמינא עביד קטין, נפשי׳ דקטינא נפקת, ביז דער ארימאן וועט קענען דערזען דעם עושר פאַלן גייט איהם קודם ארויס די נשמה.

## ביז צו די ישועה דארף מען אויך א ישועה

דאס איז א לשון הפיוט, הושיענו עד שתושיענו, דער הייליגער חת״ס זצ״ל האט געזאגט אויף דעם, דאס איז דער פשט אין פסוק ״בטחו בה׳ עדי עד, ביז די ישועה וועט השי״ת אויך העלפען, מיט דעם טייטשען די ספרים, כי לא אעזבך עד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך, והבן.

## ביים אנדערען איז אלעס בעסער ווי ביי זיך

ובפסוק (משלי ט יז) מים גנובים ימתקו ולחם סתרים ינעם

אויך איז דא א שפריכווארט ״מ׳מיינט אלץ אז ביי יענעם איז די גראז גרינער״.

## בלעמער

לשון ״בל יאמר״ מ׳קלאפט אויפן בלעמער צו מאכן שטיל דעם עולם נישט צו שמועסן בשעת דעם דאווענען.

## במקום שאין איש, איז הערינג אויך פיש

א אויסדריק בדרך הלצה, לויט דעם לשון אין פרק (אבות ב׳ ה) במקום שאין אנשים השתדל להיות איש.

## בענטשן טל - בענטשן גשם

הרה״ק רמ״מ מרימנוב זי״ע האט געזאגט דעם טעם פארוואס די וועלט זאגט, ברכת הגשם והטל. ווייל דאס איז אזוי ווען א מענטש וויל ארויספארן אויפ׳ן וועג גייט ער קודם צו א צדיק נעמען א ברכה ער זאל מצליח זיין אין זיין נסיעה און ניצול ווערן פון רשעים, און מכשולות זאלן איהם נישט שעדיגן. דאס זעלבע איז מיט רעגן און טוי בעפאר ס׳קומט אראפ אויף די וועלט צו אלע מדינות, קומען זיי קודם צו די אידן דער עם הנבחר נעמען א ברכה זאלן זיי בענטשן אז דער גשם און טל זאל אנקומען אויף די ריכטיגע מקומות אין דעם ריכטיגן זמן, און די פירות וואס וועט פון זיי ארויסקומען זאל זיין לטובה ולברכה נאר פון בני ישראל הקדושים און נישט פאר די רשעי האומות.

ע״ד אגב. פארוואס די וועלט זאגט בלשון מ׳בענטשט טל מיט א פתח, און נישט ווי מ׳זאגט ביים דאווענען מוריד הטל בקמץ, דאס שטאמט פון דעם ווייל דער אנהייב פון פייט הייבט זיך אן בטל תן וכו׳ מיט א פתח, זאגט מען אזוי ברגילות. (אגד״כ, לך)

## בעסער ״לך לך״ ווי ״שלח לך״

ווען מ׳וויל איינעם פארשיקען, זאגט מען איהם, בעסער גיי אליין באצייטענ׳ס, ווי איידער מ׳וועט דיך דארפן אוועק׳שיקן מיט געוואלד.

## בעסער א ערליכן פאַטש ווי איידער א פאַלשער קוש

ובלשון הפסוק (משלי כ״ז ו) נאמנים פצעי אוהב, ונעתרות נשיקות שונא.

## בעסער גוט און אביסל, ווי איידער שלעכט און א פולע שיסל

ובלשון הפסוק (משלי יז א) טוב פת חריבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב, ובמשלי (טו יז) טוב ארוחת ירק ואהבה שם משור אבוס ושנאה בו, ובגמ׳ יומא (פ״ה ע״ב) טבא חדא פלפלתא חריפתא ממלי צנא קרי.

## בעסער פון א גוטן דאס ערגסטע, איידער פון א שלעכטן דאס בעסטע

המקור בגמרא (יבמות ק״ג ע״א) טובתן של רשעים רעה היא אצל צדיקים, ובגמ׳ (תענית כ׳ ע״א) טובה קללה שקלל אחיה השילוני את ישראל, מברכה שברכם בלעם הרשע.

## בראשית ברא, די ערשטע זאך איז צו זיין געזונט

די מגידים האבן צוגעלייגט, אז דא איז מרומז אלע דריי ברכות, בני חיי ומזוני [בגימטריא כמנין בר״א], ווייל בר מיינט קינדער, בר ברי׳, און אויך בריאות, און בר מיינט אויך תבואה, לשבור בר ממצרים, דאס איז מזונות.

הרה״ק מביקסאד זצ״ל פלעגט וואונטשן די חסידים לויט די סדרות, און פלעגט אזוי זאגען, בראשית ברא, דאס ערשטע צו זיין געזונט, נח-לך, ס׳זאל דיר גרינג גיין, וירא-חיי-תולדות, זאלסט זען לעבעדיג נחת פון די קינדער, ודפח״ח.

און ס׳גייט ווייטער, תולדות, די קינדער זענען געבוירן, ויצא, זיי גייען ארויס פון שטוב, וישלח-וישב, מ׳שיקט זיי אין די ישיבה, מקץ, סוכ״ס, ויגש-ויחי, ווערן זיי דערנענטערט צו אביסל חיות דקדושה.

## ברוך השם פאר-דעם, דער אויבערשטער זאל העלפן אויף ווייטער

הרה״ק החוזה מלובלין זי״ע האט מקפיד געווען ווען מ׳לויבט השי״ת זאל מען גלייך מוסיף זיין א בקשה על להבא, אזוי מ׳זאגט, כן תחיינו ותקיימנו, כדי די מקור הברכה זאל נישט נפסק ווערן נאר ס׳זאל נמשך ווערן אויך אויף ווייטער.

און געזאגט אויף דעם א סמך, פון לאה אמנו, וואס זיא האט געזאגט דעם לשון, הפעם אודה את ה׳, זאגט דער פסוק ותעמוד מלדת. (ד״ת, מונקאטש ח״א א״י)

## גאט זאל איהם שטראפן - ח״ו

אין שערי תשובה לרבינו יונה שטייט, אז מ׳טאר נישט אזוי זאגען ווייל דאס הייסט אזווי א מקלל חבירו בשם. אויך איז דא צווישן המון עם וואס ווען זיי ווילן באפעסטיגן זייערע ווערטער זאגען זיי, ל ר ר ר , ר ר תר ד , זאל מען וויסן אז מ׳טאר נישט אזוי זאגען, ווייל דאס איז א שבועה, ווי א שבועת האלה.

## גאט שיקט די רפואה פאר די מכה

ובשיגרא דלישנא ״מקדים רפואה למכה, ובמדש שה״ש פ״ד, הקב״ה מקדים הרטיה ואח״כ מכה, ובגמ׳ (מגילה י״ג ע״ב) אין הקב״ה מכה את ישראל אלא אם כן בורא להם רפואה תחילה, ובלשון הזוה״ק (מקץ, קצ״ו ע״א) הכי ארחיה דקוב״ה, בקדמיתא ברי אסוותא, ולבתר מחי.

## גאט׳ס נאמען

א טאג נאך יום הכפורים רופט די וועלט ״גאט׳ש נאמען״ ווייל נאך יוהכ״פ אז מ׳האט תשובה געטאן, קערט מען זיך צוריק צום נאמען פון הקב״ה, ויש בזה רזין עילאין. (שארית ישראל לפורים) אויך אין ליקוטי מוהר״ן (ח״ב סי׳ ס״ו) שטייט א טעם ווייל דעמאלט ווערט נתגלה דעם אויבערשטנ׳ס נאמען. אויך א רמז אויף שבת, שמא דקודשא בריך הוא.

## גאלד שיינט ארויס פון די בלאָטע

ובגמ׳ מגילה (ט״ו ע״א) מרגליות, כל מקום שהוא, מרגליות שמה, הרה״ק מקאצק זצ״ל האט געטייטשט כף אחת עשרה זהב, עשרה איז יו״ד, מיט איין בייג קען מען ווערן א גאלדן אידל, הרה״ק מלעכעוויטש זצ״ל האט געזאגט א איד דארף ווערן באטראכט ווי א גאלדענע מטבע, וואס אפילו אויב ס׳געפינט זיך אין

בלאָטע שיינט אלס ארויס זיין לעכטיקייט, מ'דארף עס נאר אויפהייבען, און אויסרייניגען, און דער גלאנץ שיינט ווייטער ווי בעפאָר.

## גוטע זאכן קומען אומגעראָכטען

ובלשון הגמרא (סנהדרין צ"ז ע"א) ג' באין בהיסח הדעת, משיח מציאה ועקרב.

## גוטע פריינד פון ווייטען

דער פסוק זאגט, ויאמר אברם וכו' אנשים אחים אנחנו הפרד נא מעלי.

## גיי דו שייגעץ נאר אנטלויף

הרה"ק מקאזניטץ זי"ע האט געזאגט אלס סגולה אזוי צו זאגען פאר דעם יצר הרע, דאס איז די ר"ת פון א שם וואס ווערט דערמאנט אין משנת חסידים, גדשנא-ל און דאס איז מסוגל קעגן מחשבות זרות ובלבולים. (ברכת אברהם, וירא). אין ס' אבן שלמה שטייט אז דער שם איז אויך מרומז אין תיבת נח, ג' עליות זו על גב זו, ד' די טיר, ש' די לענג, נ' די ברייט, ל' די הויך, א' ואל אמה תכלנה מלמעלה.

## גיי לשלום - פאהר לשלום

אין די גמ' סוף מס' ברכות שטייט, הנפטר מחבירו אל יאמר לו לך בשלום, אלא לך לשלום, מ'זאל נישט זאגען גיי בשלום, נאר גיי לשלום, עיי"ש.

## גל-גן

אזוי פלעגט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע שרייען ווען ער האט זיך געבייזערט אויף איינעם כדי צו פועל'ן פאר איהם א ישועה. הרר"י מפשעווארסק זצ"ל פלעגט אויף דעם זאגען אז זיין כוונה איז געווען די ווערטער פון שיר השירים, גן נעול אחותי כלה, גל נעול מעיין חתום.

## גם זה יעבור

ס׳איז דא א מאמר העולם אז א מלאך האט געגעבן א שם פאר דוד המלך ע״ה, די אותיות גז״י, די ר״ת פון גם זה יעבור, ער זאל דאס אויסקריצן אויף זיין שווערד, און מיט דעם וועט ער ניצול ווערן פון אלע שלעכטע געשעענישן און שווערע זמנים, און דאס איז דורכדעם וואס ער וועט אלץ געדענקן אז גם זה יעבור, דאס וועט אויך דורכגיין.

אויך אין ס׳ בן איש חי (ריש פ׳ נצבים) שטייט, אז איינער האט געמאכט א רינגעל און אויפגעקריצט דערויף ״גם זה יעבור״ און אויב ער איז געווען בצער האט ער אויף דעם געקוקט און האט זיך געטרייסט, אז דאס וועט אויך דורכגיין.

## גמרא

אין ספר החיים לאחי המהר״ל (פ״ח) שטייט אז וועגן דעם הייסט דער ש״ס גמרא, דאס איז די ר״ת פון ג׳בריאל מ׳יכאל ר׳פאל א׳וריאל, צו וויסן אז דער וואס איז עוסק בגמרא היטן איהם אפ די מלאכים, חונה מלאך ה׳ להצילו.

## געבענטשט זיינען די הענט וואס טוען אליין

מאמר העולם, ובלשון, וברכתיך בכל אשר תעשה, ובלשון הפסוק (ראה ט״ו יח) וברכך ה׳ אלקיך בכל אשר תעשה, ובתהלים (קכ״ח ב) יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך, ובתוספתא (ברכות ז) אין הברכה שורה אלא במעשה ידיו של אדם.

## געגעסען פארשטינקענע פיש, הונדערט שמוץ באקומען, און פון שטאט ארויס געטריבן

דער מקור ווערט געברענגט אין מכילתא פ׳ בשלח י״ד ה׳, אויך אין ילקוט שמעוני, בשלח, אוכל דג מבאיש, ונלקה מאה מכות ושילחו וניטל ממונו, עיי״ש.

## געהאַקטע צרות

אין דעם ליגט א ברכה אז די צרות קומט געהאַקט (מקוטעים) און נישט איין גרויסע צרה אויף אמאל, ובדרך צחות צרו״ת בגמ׳ תרצ״ו און די העלפט פון דעם איז שמ״ח, דאס איז געהאקט. – שמחה וחדוה בלי צרה ועקתא.

## געזאגט און געטהון

אין די תפילה פון ברוך שאמר ווערט דער רבש״ע געלויבט מיט די ברכה, ברוך אומר ועושה, זאגט דער אבודרהם, ווייל ביי מענטשען איז געוועהנליך דער אומר נישט קיין עושה, און דער עושה איז נישט קיין אומר, והבן. אויף דעם איז אויך דא א שפריכ׳ווארט ״ ר ׳ ז ״, אויך נאך א אויסדריק ״ ׳ ז ׳ ר ״.

## געלויבט דער אויבערשטער אז מ׳זעהט זיך

אין ס׳ שו״ת בית ישראל או״ח סי׳ כ״ג שטייט, איך האב געהערט פון א גדול אחד אז דער מאמר איז במקום ברכת שהחיינו, וואס מ׳דארף זאגען ווען מ׳טרעפט זיך מיט א חבר נאך דרייסיג טאג, דאס איז אזווי די גמ׳ זאגט אין ברכות (מ׳ ע״ב) אויב מ׳זאגט בריך רחמנא מרי׳ דהאי פיתא, איז מען יוצא בדיעבד במקום ברכת המזון.

## געלט איז בלאָטע

די ביידע באטרעפען איייניג בגמטריא, די ווערלט לייגט צו דעם צו דעם לשון הפסוק, מאשפות ירים אביון, אשרי הגבר אשר מילא את אשפתו מהם.

ובלשון המדרש (במ״ר י״ב כ״ב) מנין לכסף שהוא לשון חרפה, שכן בלשון ירושלמי קורין לחרפה, כסופא, צדיקים האבן געזאגט, ווענענדעם הייסט געלט ״מטבע״ לשון טובעין, מ׳זינקט ארייין דערין – נאך א שפריכ׳ווארט ״ת ר תר , ד״ר ש תר ״.

## געלט איז קיילעכדיג, אַמאָל איז עס דא, און אַמאָל דאָרט

ובלשון המדרש (שמ״ר ל״א ב) גלגל הוא בעולם, לא מי שהוא עשיר היום, עשיר למחר, ומי שהוא עני היום, עני למחר, ובתנחומא מטות, למה נקרא שמם נכסים, שנכסיו מזה ונגלין לזה, ולמה נקרא שמם זוזים, שזזים מזה וניתנים לזה, - ממון, מה שאתה מונה אינו כלום, - מעות, שהן מעת לעת.

## געלט פארלוירען, נישט פאַרלאָרען, מוט פארלוירען אלץ פאַרלאָרען

די גמ׳ זאגט (סוטה מד ע״ב) תחילת נפילה ניסה, און דער רבינו יונה זאגט, דער נפש זעטיגט און טרייסט דעם גוף פון זיינע ווייטונגען, אבער ווען דער נפש איז צובראכען און באַזאָרגט טוט נישט דער גוף טרייסטען דעם נפש.

## געלט רעדט

דאס ווערט דערמאנט אין מאירי קידושין ב׳ ע״א, בלשון, כסף הוא ראש המדברים בכל מקום. ע״ד אגב, געל״ט באטרעפט ווי בלאט״ע. וברמז מאשפות ירים אביון, אשרי הגבר אשר מלא את אשפתו מהם.

אין בעה״ט שטייט, סולם איז בגימט׳ ממו״ן וואס דאס איז עולה ויורד, געלט קען זיין אדער גאלד אדער בלאטע, דאס איז געוואנדען וואס מ׳טוט דערמיט.

## געלט שטעלט דעם מענטש אויף די פיס

גמ׳ פסחים קי״ט ע״א, ואת היקום אשר ברגליהם, זו ממונו של אדם שמעמידו על רגליו, וברמז, ויקם על סלע רגלו.

## געפּאָקט און געמאָזלט

דאס מיינט ער איז שוין דורך די קינדערישע יארן, און שוין אויסגעהיילט פון די מחלות פּאָקקען און מאזלען.

## געפילטע פיש

ס'איז א מנהג ישראל צו עסען שבת "געפילטע פיש". בדרך רמז האט אויף דעם געזאגט הרה"ק מוואלברוז זצ"ל א טעם כדי מ'זאל זיין אנגעפילט מיט אלעם גוטן. אויך איז דאס צו ווייזן אז דער מענטש זאל געדענקן צו באקומען א הרגשה צו שפירן און פילען מיט וואס ער האט פארברענגט די וואך. אויך צו שפירן און פילען דעם קדושת השבת. (ליקוטים אמרי נועם מבעל עבודת יששכר)

## דא ווי מ'פארלירט דא געפינט מען

הרה"ק ר"י מקאזמיר זי"ע האט געזאגט אויף דעם מאמר העולם, אז דער מדרש דערציילט (ויק"ר ה' ד') אבא יודן האט געהאט איין פעלד, און ער האט האלב פון דעם פארקויפט און געגעבן דאס געלט אויף צדקה, האבן די חכמים איהם געגעבן א ברכה, המקום ימלא חסרונך, און ער איז ארויס אויפצו'אקערן די צווייטע העלפט פונעם פעלד, האט זיך אויפגעשפאלטן די ערד און האט דארט געטראפן א אוצר מיט געלט.

זעהט מען פון דא אז דער מקום אליין האט ממלא געווען זיין חסרון, כאן נמצא וכאן הי', אזוי העלפט דער באשעפער דעם מענטש דארט ווי ער פארלירט דארט געפינט ער.

## דאווענען

שטייט אין בני יששכר אז דאס איז לשון "דאבינן" פון אונזערע אבות אברהם יצחק יעקב, ווי די גמרא זאגט תפילות אבות תקנום.

## דאנקען און לויבען דעם פון אויבן

ובילקוט תהלים (תתפ"ט) על כל נשימה ונשימה שהוא נושם צריך לקלס להקב"ה, ובתפילת נשמת, שכן חובת כל היצורים לפניך ה' אלקינו להודות להלל ולשבח וכו'.

## דאס איז ממש כפתור ופרח

אין מדרש רבה (מקץ, פצ״א י״ב) שטייט, ווען א מענטש האט געזאגט א גוטע זאך פאר רבי טרפון, האט ער געזאגט כפתור ופרח, אויב אבער האט איינער איהם געזאגט, נישט א ריכטיגע זאך, האט ער געזאגט, לא ירד בני עמכם.

## דאס געלט פון מענטש איז זיין מעקלער

ובלשון הפסוק (קהלת י׳ יט) הכסף יענה את הכל, ובגמ׳ (ב״מ ס״ג ע״ב) זוזי דאינשי אינהו עבדין לי׳ ספסרותא, דאס געלט איז זיין פארמיטלער.

## דאס גרינגסטע איז צו טרעפן חסרונות ביי יענעם, און דאס שווערטסטע איז צו זעהן די אייגענע חסרונות

פתגם העולם, אין אגרת הרמב״ן שטייט, אז דער מענטש זאל זיך לערנען אלץ צו באטראכטן זיין חבר אז ער איז חשוב׳ער פון דיר, אויך אין די תפלה פון הייליגן רבי ר׳ אלימלך זי״ע בעט מען, אדרבה שנראה כ״א מעלת חברינו ולא חסרונם.

## דאס הארץ זאגט מיר

דער הייליגער ראפשיצער רב זי״ע שרייבט אין זרע קודש (ד׳ דסוכות) אין פסוק שטייט דברתי אני עם לבבי, און דאס איז מרגלא בפומא דאינשי ״מיין הארץ זאגט מיר״, ובאמת ווער הערט דאס הארץ, נאר באמת איז דא אינערליכער דיבור און א הבל וואס קומט ארויס פון הארץ, הלב אותיות הבל, אויך אין פסוק שטייט, (תהלים צ׳ י״ב) ונביא לבב חכמה. ובגמ׳ (מגילה ג׳ ע״א) אע״ג דאיהו לא חזא מזליה חזא.

## דאס ווארט שמחה איז מסוגל צו שמחה

הרה״ק רמ״מ מוויטעבסק זצ״ל פלעגט זאגען, אז די דיבורים אין לשון הקודש, א יעדעס ווארט איז דער מקור פון דעם שורש אין הימל, און מ׳קען מיט דעם ווארט מעורר זיין די מדה בשמים, וועגן דעם איז מסוגל צו שמחה ווען מ׳איז מזכיר דאס ווארט שמחה אסאך מאל. (קובץ אלי׳ אות ע״ט)

## דאס מויל פון דעם מענטש איז אויף איהם א מסור

דער באדייט פון דעם אז דער מענטש אליין טוט אנטפלעקען מיט זיין מויל וואס ער האט ליגן אין הארץ אומגעטראכט, - ובלשון הפסוק (משלי י י״ד) חכמים יצפנו דעת ופי אויל מחתה קרובה.

## דאס עפעלע פאלט נישט ווייט פון בוים

דער מקור איז אין מדרש (ב״ר סו״פ נ״ג) זרוק חוטרא לאוירא, ועל עיקרי׳ קאים, ווארף א שטעקן אין די לופט און ס׳וועט צוריק פאלן אויפ׳ן זעלבן פלאץ. אויך אויף דעם פסוק כי אל ארצי ואל מולדתי, זאגט דער מדרש אר״י חטיא דקרתך זונין זרע מנהון, די ווייץ פון דיין שטאט זאלסטו נעמען אויף איינצוזייען די תבואה. – ובקהלת, מקום שיפול העץ שם יהוא.

ווענן דעם זאגען די חכז״ל הנושא אשה צריך לבדוק באחי׳, ווייל דורך דעם מהות פון אירע ברידער וועט מען וויסן וויאזוי זי איז, ווייל דאס עפעל פאלט נישט ווייט פון בוים. ובלשון הגמ׳ (כתובות ס״ג ע״א) רחילא בת רחילא אזלא, כעובדי אמה כך עובד ברתא.

אויף דעם האבן אבער געזאגט גדולים וצדיקים אז דאס איז נאר ברוח מצוי׳, אבער אין היינטיגע צייטן ווען ס׳הערשט א רוח שאינו מצוי׳, און ס׳בַאשעווען אריין פרעמדע ווינטן פון די גוי׳אישע גאס און שלעכטע חברותות, קען אמאל דאס עפעלע זיך אוועק׳קוילערן גאנץ ווייט פון בוים, און פון דעם שורש פון ווי ס׳שטאמט, און קען מען דאס אלץ נישט ניצן אויף א באווייז ביי שידוכים, והבן.

## דאס ערשטע מיידל פירט דאס רעדל [דריידעל]

ובלשון הגמ׳ (ב״ב קמ״א ע״א) בת תחילה סימן יפה לבנים, ווייל זי העלפט אין שטוב מיטן ערציהען די קינדער וואס ווערן געבוירען נאך איר.

## דאס פנים לייכט איהם פון צדקה

אזוי איז דער עולם רגיל צו זאגען אויף א איד וואס גיבט אסאך צדקה, דער מקור ווערט דערמאנט אין ילקוט ראובני, פ׳ בהר בשם האר״י הק׳ ז״ל, אז ווען א

מענטש טוט א מצוה שיינט איהם דער פנים פון די מצוה, און נאכדעם ווען ער טוט א צווייטע מצוה קומט ארויף אויף זיין פנים א נייער אור פון די צווייטע מצוה, משא"כ ביי די מצוה פון צדקה בלייבט אלץ שיינען אויף זיין פנים דער אור פון צדקה, אזוי ווי ס'שטייט, וצדקתו עומדת לעד. (אוצר יד החיים, אמרות)

## דארט וואו די הינט בילן, דארט איז דא א ישוב

ובלשון הילקוט (תהלים תר"פ) סימן זה יהא בידך אם ראית בית קברות לפניך, הרי מדינה קרובה אליך.

## דו קענסט שרייען חי וקיים

הרה"ק רב"צ מבאבוב זצ"ל האט געזאגט אז מ'טאר דאס נישט זאגען, ווייל דאס שטאמט פון די אפיקורסים רח"ל וואס ווילן אפשוואכן דעם כוח פון אמונה, ווייל באמת ווען א מענטש שרייעט חי וקיים צום רבש"ע, בוודאי העלפט ער דעם מענטש. — א ענליך שפריכ-ווארט, עס העלפט נישט, חאטש שריי "חי וקיים"

## די אויערען מוזן הערן וואס דאס מויל רעדט

ובלשון הגמ' (ברכות י"ג ע"א) השמע לאזניך מה שאתה מוצא מפיך

## די אייער ווילן זיין קלוגער פון די הינער

דער מקור שטייט אין די גמ' יבמות ס"ג, דנפק מינך טעמי מאלפך, דאס מיינט אז דיין קינד וואס קומט ארויס פון דיר, ער לערנט דיך שכל און פארשטאנד. — ובגמ' שבועות (מ"ח ע"א) יפה כח הבן מכוח האב, ובדומה שטייט אין פסוק (ישעי' י' ט"ו) היתפאר הגרזן על החוצב בו.

## די באבע'ס ירושה

דאס מיינט אז דער באקומט גארנישט פון די ירושה, אזווי די גמ' זאגט (ב"ב קכ"ה ע"ב) אחד אמר נכסי לסבתא ובתרה ליורשים שלי וכו' עיי"ש ווייל א באבא ירש'נט נישט.

## די גאלדענע יוהך

אין ס' מטעמים שטייט, דאס וואס מ'רופט די זופ וואס מ'גיט פאר די חתן וכלה נאך די חופה מיט דעם לשון "גאלדענע יוהך", א רמז צום שם השמירה, וואס דאס איז די ס"ת פון כ"י מלאכי"ו יצו"ה ל"ך, און חתן וכלה דארפן שמירה, און דער פסוק זאגט לשמרך בכל דרכיך, דרך גבר בעלמה, וכל דרכיך דעהו.

## די גאנצע וועלט איז איין שטאָט

ובלשון הגמ' (קידושין כ"ז ע"ב, ועוד) סדנא דארעא חד הוא, די גאנצע שטרעקע פון דער ערד איז איין שטיק.

## די גאנצע וועלט ווי א חלום, בעסער א גוטער חלום ווי א שלעכטער

ובפסוק היינו כחולמים, וכחלום יעוף

## די גאנצע וועלט שטייט אויף די שפיץ צונג

ובלשון הפסוק (משלי יח כ"א) מות וחיים ביד הלשון

## די גרויסע קייען, די קליינע שפייען

ובלשון הגמ' (סוכה נ"ו ע"ב) שותא דינוקא בשוקא, או דאבוה או דאימיה, וואס א קינד רעדט אין די גאס, דאס האט ער געהערט פון זיין טאטען אדער מאַמען.

## די גרעסטע חכמה איז, נישט צו זיין א חכם.

הרה"ק מהר"ש מבעלזא זצ"ל האט געטייטשט מיט דעם מאמר דעם פסוק וכל חכם לב בכם יבואו ויעשו את כל אשר צוה ה', א באַפעל פאר דעם חכם צו טוען אלעס נאר ווי דער באשעפער האט געהייסען אָן קיין שום חכמה בעולם.

(דבש השדה סי׳ נ״ה) — הרה״ק מקאצק זצ״ל האט געטייטשט, קורח שפיקח הי׳, מה ראה לשטות זה, צו ווערן אזוי א פיקח.

## די וועלט איז ווי א לייטער, ארויף גייט איינער, אראפ דער צווייטער

מאמר העולם, בלשון, העולם דומה לסולם, זה עולה וזה יורד, און דער מקור איז א מדרש תנחומא, מטות ח׳, הקב״ה יושב ועושה סולמות, מעלה לזה ומוריד לזה, דער באשעפער מאכט לייטער׳ס איינעם הייבט ער אויף און דעם צווייטען טוט ער דערנידערן, דאס זאגט דער פסוק כי אלוקים שופט זה ישפיל וזה ירים, ער נעמט צו דאס פארמעגן פון איינעם און גיבט דאס פאר א צווייטען.

## די וועלט איז נאכנישט געשטארבען

מיוסד בדרך הלצה לויט דעם לשון הגמ׳ (תמורה טז ע״א), אין הציבור מתים.

## די וועלט איז נישט משוגע

הרה״ג רבי דוב בער מייזעלס זצ״ל אבד״ק ווארשא האט געזאגט אויף דעם וועלט׳ס ווארט, אז מיט דעם איז פארשטענדליך פארוואס אין די ערשטע פרשה פון קר״ש שטייט ובכל מאודך, אבער אין פרשת והי׳ אם שמוע שטייט נישט ובכל מאודכם, ווייל די גמ׳ זאגט פארוואס שטייט ובכל מאודך, ווייל ס׳איז דא אמאל א מענטש וואס דאס געלט איז איהם מער באליבט ווי זיין גוף, וועגן דעם שטייט ובכל מאודך, און אזא זאך קען זיך נאר מאכן ביי א איש פרטי ומשוגע וואס איז יוצא מן הכלל, ווייל אויב מ׳וועט פון איהם אוועק נעמען דעם נפש וואס פאר א נוצן וועט ער שוין האבן נאכדעם פון זיין געלט.

אבער די צווייטע פרשה וואס שטייט לשון רבים, דארף דאס נישט די תורה שרייבן, ווייל דאס איז א מילתא דתליא בסברא, דען די וועלט איז דאך נישט משוגע. (דברי חכמים אות נ״ה)

## די וועלט פרעגט

דאס ווערט דערמאנט אין תוס׳ ערכין דף ל׳ ע״א, און אויך אין תוס׳ קידושין נ״ד ע״א, בלשון ״מקשין העולם״.

## די מחשבה פון הארץ דערקענט זיך אויף די צונג

מקורו בזוה״ק (ח״ג רצ״ח ע״ב) בלשון, טהרא דטיפתא גליפא בשיפתא טוהר, פון דעם שטאַמט וואס דער מלמד זאגט פאר די קינדער אין חדר, איך וועל דערקענען אויף די צונג אויב עט׳ס זאגט׳ס אמת.

## די נאַראָנים זיינען באהיט ווייל דער באשעפער איז זייער שומר

דער בעשטה״ק זי״ע האט געזאגט נאכדעם ווען איך בין צוגעקומען צו אלע מדריגות בין איך א נער און גליב, הגם ס׳שטייט פתי יאמין לכל דבר, זאגט אבער דער פסוק, שומר פתאים ה׳.

## די פיס טראגט דעם קאפ

די וועלט זאגט אז די פיס טראגט דעם קאפ, ובאמת איז פונקט פארקערט, דער קאפ טראגט און פירט די פיס, דהיינו דער שכל איז דער מנהיג וואס פירט דעם מענטש, א ראי׳ צו דעם ווי מ׳זעט אז א שיכור וואס האט נישט קיין קלארן דעת, קען זיך נישט האלטן אויף זיינע פיס און פאלט. (דברי שאול, האזינו)

אין ס׳ זרע קודש לחנוכה, ברענגט פון הרה״ק רמ״מ מרימנוב זצ״ל, פון די גרויסע וואונדער פון השי״ת אז א מענטש וואס איז הויעך און ברייט קען שטיין אויף דינע פיס, און אויב מ׳זאל צוזאמשטעלן אזא מין צורה לויט די וואג און מ׳וועט דאס וועלן אויפ׳שטעלן וועט זיך דאס נישט האלטן, ווייל דאס איז נאר די חכמה וואס דער באשעפער האט אריינגעגעבן אין די מוח פון מענטש, דאס גיבט כח פאר די פיס צו האלטן דעם גוף.

## די צייט באפרייט דעם פליג, און כאַפּט אריין דעם אדלער אין געפאַנג

מובא בס׳ אבן בוחן, משל הקדמוני בלשון, הזמן ישלח חפשי הזבוב, ויתן את הנשר בכלוב.

## די שבת׳דיגע פיש געראָהט נאכ׳ן גאסט

אין ס׳ דגל מחנה יהודא שטייט, מ׳האט געפרעגט פון הרה״ק ר״א מסטרעטין זי״ע איבער דעם פתגם, וואס פאר א שייכות האט א גאסט מיט די פיש, האט ער געענטפערט, דגי״ם איז ר״ת י״ג מ׳כילין ד׳רחמים. און אויך אור״ח איז ר״ת א׳ל ר׳חום ו׳חנון א׳רך א׳פים ו׳רב ח׳סד ו׳אמת, ודפח״ח. די וועלט זאגט, די טשולענט גערוט נאכ׳ן גאסט.

## ד׳יי ב׳אזשע ש׳ענשצע [ר״ת דבש]

בלשון רוסיא, גאט גיב גליק, אזוי האט געזאגט הרה״ק ר״מ מפרימישלאן זי״ע בשעת ווען ער האט געגעסען ביי סעודת ר״ה, תפוח מתוק בדבש. (דברי מאיר)

## דעם אייגענעם הויקער זעט מען נישט

דאס מיינט אז א מענטש זעט נישט די אייגענע חסרונות, אויף דעם לייגט מען צו די משנה נגעים פ״ב מ״ה, אין אדם רואה נגעי עצמו. ובדרך צחות לייגט מען צו וואס ס׳שטייט ביי חמץ, שלך אי אתה רואה, דעם אייגענעם חמץ זעט מען נישט, אבל אתה רואה של אחרים ושל גבוה, אבער ביי אנדערע און ביי העכערע אידן, דארט טרעפט ער יא חמץ.

## דעם דלות וועט מיר קיינער נישט בא׳גנב׳ענען

מאמר העולם, ובדרך צחות, עני ואביון מי-גוזלו, מרן רביה״ק מסאטמאר זצ״ל זי״ע האט אמאל געזאגט בדרך בדיחותא, אויף דעם פסוק אל תגזול דל כי דל הוא, די איינציגסטע זאך וואס דער ארימאן פארמאגט צו זיין הילף, דאס איז זיין דלות, אזוי האבן אידען אויף איהם רחמנות און מ׳העלפט איהם ארויס, אויב

אבער לאזט מען ארויס אויף איהם א שם אז ער האט יא געלט, האט מען פון איהם אוועק׳געגנבעט זיין דלות, דאס איז דער פשט, אל תגזול דל, זאלסט נישט בא׳גזל׳ן זיין נאמען דל, כי דל הוא, ווייל דאס איז די איינציגסטע זאך וואס ער פארמאגט, דאס איז זיין דלות.

## דער אויבערשטער שטראָפט נישט מיט ביידע הענט

א ענליכן אויסדריק, ׳ ר ר ש ז׳ ,
ובמקורות, מחצתי ואני ארפא, מתוך צרה המציאם פדות ורוחה, ובמדרש תנחומא (וירא ט׳) אפילו בחמתו של הקב״ה יש רחמים לפניו.

## דער אויג פון א מענטש איז גרויס, און ווערט נישט זאַט

ובלשון הפסוק (משלי כ״ז כ׳) שאול ואבדון לא תשבענה, ועיני האדם לא תשבענה.

## דער אמת רעדט פאר זיך

מאמר החכם, האמת עד לעצמו, וכעי״ז בגמ׳ סוטה ט׳ ע״א, ניכרים דברי אמת. דער יש״מ שרייבט אין די תשובות (אה״ע סי׳ י״ג) פאר׳ן אמת דארף מען נישט קעמפען, ווען דער שקר פלאצט קומט אפיר דער אמת פון זיך.

## דער אתרוג קאסט די גאנצע געלט, און די ברכה מאכט מען איבערן לולב

וכדוגמתו בגמ׳ (ברכות נ״ג ע״ב) גולירין מתגרין במלחמה וגברין נוצחין, די סאלדאטען האלטן מלחמה און די געגעראלן ווערן אנגערופען די מנצחים, אזוי אויך, דער ארבייטער מאכט די מלאכה ביטער שווער, און די פעולה ווערט אנגערופען אויפן נאמען פון דעם אויפ׳זעהער, דער בעל הבית.

## דער באַראַמעטער אויף דעם תוכן פון א בחור איז געמאסטן לויט ווי ער דאווענט

דאס איז געווען מרגלא בפומי' פון הרה"ג רבי מיכאל בער זצ"ל. (איש חמודות, דף רצ"ג)

## דער באשעפער באַצאָהלט נאך די מעלות, און שטראפט נאך די חסרונות

ובלשון הפסוק (איוב ל"ד י"א) כי פועל אדם ישלם לו, ובתהילים (ס"ב י"ג) כי אתה תשלם לאיש כמעשהו.

## דער בויך טראגט די פיס

א לשון אין מדרש (ב"ר פ"ע ח') הכריסא טעינא רגליא, דער באדייט, לויט דאס עסען, אזוי זענען די כוחות צו גיין מיט די פיס.

## דער גוף גייט נאכ'ן קאפ

דאס ווערט דערמאנט אין די גמ' (עירובין מ"א ע"א) עמד רבי יוחנן בן נורי על רגליו ואמר חזי אנא דבתר רישא גופא אזיל. אויך אין די משנה סוטה (מ"ה ע"ב) לגבי עגלה ערופה, אר"ע מוליכין הגוף אצל הראש. (שו"ת באר שבע, סי' נ"א)

## דער הייליגער שבת ווייל עס היילט

דאס איז מרגלא בפומא פון די נשים זקינות, ס'איז דא וואס זאגען דאס נאך בשם די מאמע פון הייליגען בני יששכר זי"ע (דברי יחזקאל עניני שב"ק, ארי שבחבורה, דברים ערבים) און דער ארי' דבי עילאי זצ"ל האט געזאגט אויף דעם אז אזוי איז באמת, ווייל די סגולה פון שבת קודש איז בכוח ממשיך צו זיין ישועות ורחמנות, און ברענגען א רפואה שלימה לכל חולי ישראל. אין תפארת שלמה שטייט אויף דעם ברמז, כל המאכלים אדם אוכל בשבת לרפואה, אלע שבת'דיגע מאכלים איז מסוגל לרפואה.

## דער וואס גלייבט נישט א צווייטן, קען מען איהם אויך נישט גלייבן

ובלשון הפסוק (ישעי׳ ז׳ ט׳) אם לא תאמינו כי לא תאמנו.

## דער וואס האט די מאה האט די דעה

אויף דעם האט געזאגט הרה״ק ר״א מקארלין זצ״ל, די מאה מיינט מען די מאה קולות פון קול שופר, און די דעה מיינט מען, להוגה דעות בדין. (בית אהרן, ליקוטים)

## דער וואס זארגט זיך ווערט אין כעס אויף זיך

אויף דעם פסוק (שמואל א׳ טו י״א) ויחר לשמואל ויזעק אל ה׳ כל הלילה, זאגט דער מצודות, ויחר לשמואל, דרך הדואג לכעוס על עצמו.

## דער וואס פארשטייט נישט אויפן וואונק, מוז מען באנוצען א שטעקן

ובלשון המדרש (משלי כ״ב) לחכימא ברמיזא, ולשטיא בכורמיזא, און רשב״ם (בראשית כ״ג ט״ז) שטייט דער לשון ״די לחכימא ברמיזא״.

## דער טאטע איז געטריי ווען די מאמע איז דערביי

אין ישעי׳ (ס״ו ג׳) זאגט דער פסוק כאיש אשר אמו תנחמנו כן אנכי אנחמכם, השי״ת זאגט פאר אידן אזוי דער מענטש וואס זיין מאמע טרייסט איהם, אזוי וועל איך ענק טרייסטען, זאגט דער רד״ק דער טעם וואס ווערט דערמאנט די מאמע און נישט דער טאטע, ווייל די פרוי איז הארציג מיט אירע ווייכע רייד מער ווי דער טאטע.

## דער ליגנער מיינט אז אלע זענען ליגנער'ס ווי ער

מובא באברבנאל ישעי' ז' ט', בלשון הכזבן זה דרכו לחשוב, שכולם כזבנים כמוהו.

## דער מענטש איז א מורכב פון די זאכן וואס ער האט געליינט, געלערנט, געזעהן, און געהערט

מאמר החכם, וועגן דעם דארף דער מענטש זיין געווארנט אין וואס פאר א ספרים ער קוקט אריין צו גוטע אדער שלעכטע, ווייל דער מענטש ווערט שטארק איבערגענומען פון די רעיונות וואס ער זעהט געשריבן אין דעם ספר, און דאס ווערט ארייגעקריצט אין זיין מוח, אויך אין די טיפעניש פון זיין הארץ, און דאס מאכט א גרויסן רושם אויף זיינע פעולות און דרכים. (ס' דקדוק חברים, דף ו')

## דער מענטש איז דארט ווי זיין מחשבה איז

אזוי שטייט אין תולדות (חי' שרה) בשם הבעש"ט הק' זי"ע, בלשון, שמעתי מפי מורי, במקום שחושב האדם שם הוא כולו, אזוי שטייט אויך פון גרויסן מגיד, אין ס' תורת המגיד פ' וירא, בכל מקום שהאדם מחשב במחשבתו שם הוא, אם במדת גדלות או בקטנות.

## דער מענטש איז וואס ער איז, אבער נישט וואס ער איז געווען

כעין זה בגמ' (ר"ה ט"ז ע"א) אין דנין את האדם אלא לפי מעשיו של אותה שעה.

## דער מענטש זינדיגט און דער האָן איז די כפרה

ובלשון הגמ' (פסחים קי"ג ע"ב) טוביה חטא וזיגוד מנגיד, טובי' זינדיגט און זיגוד ווערט געשמיסען.

אויך איז דא א אויסדריק ״ ז  וד ר ש רז ״, ווען ער בליקט אריין אין סידור ביים שלאָגן כפרות, און דער מענטש זאגט, בני אדם יושבי חושך וכו׳, אויף דעם איז באקאנט דאס וואָרט פון דובנער מגיד, אני הגבר ראה עני בשבט עברתו, איך הינדל זעה דעם עני מיט זיינע עבירות, אותי נהג וילך חושך ולא אור, ער דרייט מיט מיר אלס כפרה אבער בלייבט חושך, אך בי ישוב, אויב מיינט ער מיט מיר תשובה טאהן אין מער נישט, יהפוך ידו כל היום, קען ער דרייען מיט מיר א גאנצען טאג, און ס׳איז גארנישט ווערד.

## דער מענטש טראַכט און דער באשעפער לאַכט

מיוסד אויף דעם פסוק, רבות מחשבות בלב איש, ועצת ה׳ היא תקום, און משלי (ט״ז ט׳) שטייט, לב אדם יחשבו דרכו וה׳ יכין צעדו, אין תהלים (ב׳ ד׳) זאגט דער פסוק ״יושב בשמים ישחק״, ועיין במדרש ב״ר פ׳ פ״ה, כי אנכי ידעתי את המחשבות, שבטים היו עסוקים כו׳, והקב״ה הי׳ עוסק לברוא אורו של מלך המשיח.

## דער עיקר דאגה ווי מאכט מען געלט, נאכדעם וועל איך שוין וויסן וואס צוטאהן דערמיט

דאס איז מרגלא בפומא דאינשי, אבער דאס איז א טעות, געלט קען אויפהייבן דעם מענטש גאר הויעך, און געלט קען דערנידערן א מענטש ביז צום שאול תחתית, מיט געלט האט מען געבויעט דעם משכן, און מיט געלט האט מען געמאכט דעם עגל, דאס זאגט דער פסוק, וימלא אותו רוח אלוקים בחכמה ובתבונה ובדעת, ולחשוב מחשבות לעשות בזהב ובכסף, ס׳פארלאנגט זיך א סאך שכל און פארשטאנד, און מ׳דארף גוט אריינ׳טראכטן צו וויסן וואס צו טוהן מיט גאלד און געלט. (אוצר חיים, פ׳ ויקהל)

## דער פוילער איז אלץ הונגעריג, און דער וואס ארבייט איז אלץ זאַט

מובא בס׳ זכרון בספר, פנינים יקרים, בלשון, נפש עצלה רעבה וצמאה, ונפש עמלה דשנה ושבעה.

## דער פון אויבן שטראָפט נישט מיט ביידע הענט

ובלשון הפסוק (דברים ל״ב ל״ט) מחצתי ואני ארפא, ובלשון הגמ׳ (מגילה י״ג ע״ב) אין הקב״ה מכה את ישראל אא״כ בורא להם רפואה, ובשהש״ר פ״ד, הקב״ה מקדים הרטיה ואח״כ הוא מכה, ובתנחומא (וירא ט׳) אפילו בחמתו של הקב״ה יש רחמים לפניו, - אויך איז דא א אויסדריק, דער רבש״ע ״ ר
ש ץ ״.

## דער פוקס אין זיין צייט בוקט זיך יעדער פאר איהם

בלשון הגמ׳ (מגילה ט״ז ע״ב) תעלה בעידניה סגיד ליה, אויף דעם ברענגט דער שפתי חכמים (בראשית מ״ח א׳) אז איין חודש אין יאָר ווערט דער פוקס געקרוינט אלס מלך פון די חיות, און אין דעם זמן בוקן זיך אלע חיות צו איהם [און נוצט אויס זיין מלוכה מיט פקחות זיך פאַרצובערייטן אויף שפעטער].

ובדרך צחות פלעגט א וואונדער-מלמד זאגן פאר זיינע תלמידים, ״יעדן פוקסט מען צו אין זיין צייט, והבן.

## דער פורים רב בעט דעם עולם אויף זכור

אזוי איז דער מנהג אויסצורופען בליל שבת זכור, ויש לומר הטעם, ווייל דער פורים רב איז השי״ת, הרב את ריבנו, און ער רופט די וועלט אין די תוה״ק אויף זכור, אזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק, זכור את אשר עשה לך עמלק, און מיר זאגָן פארן רבש״ע, אתה אומר לנו זכור, אתה זכור, שאנו שכחה מצוי בנו, ואתה אין לפניך שכחה, (אבני ציון לקדושת ציון, באבוב, מילתא בטעמא)

## דער פנים איז א מסור

אין באר מים חיים עה״ת ווערט דערמאנט א סאך מאל דער לשון בשם חז״ל, למה נקרא שמו פנים, שמגלה מה שבפנים, אז דער פנים טוט אנטפלעקן וואס ס׳ליגט באהאלטן אין הארץ. ענליך פון דעם שטייט אין פס״ז וישב, בזמן שאדם זועף פניו מוריקות. אין ס׳ פרדס דוד אות פנים שטייט דער טעם פארוואס די צורה פון דעם פרצוף ווערט אנגערופען פנים, ווייל דער פנים איז מגלה זיין פנימיות, וואס ער שפירט אין הארץ. ובדרך צחות זאגט מען, בפני נכתב ובפני נחתם, אויפ׳ן

פנים שטייט אלעס. – אויך איז דא א אויסדרוק "ז‍ר ר ר ר
" ובלשון הפסוק (משלי י' י"ד) חכמים יצפנו דעת, ופי אויל מחתה קרובה.

## דער רוח רעד אויס איהם

הרה"ק רמ"מ מרימנוב זי"ע זאגט, אז דער דרך העולם צו זאגען אזוי אויף איינעם וואס רעדט אסאך אדער ער רעדט דברים בטלים ח"ו כדרך המשוגעים. אויך איז דא וואס זאגען אויף אזא איינעם, די הויט רעדט אויף איהם, אין דעם ליגט טעמים נסתרים. און דער ענין איז, ווייל דער רבש"ע האט באשאפן אין די וועלט רוחות אן א גופים וואס שוועבן ארום אויף די וועלט און זוכן אריינ'צוגיין אין א גוף פון א מענטש, ושומר נפשו ירחק ממנו, און צו מאל קלעבן זיי זיך אן אויף די הויט און פלייש פון אינדרויסן און פון דעם ליידט מען מיני צרעת ומכאובים רח"ל, און פון די רוחות רעות רח"ל דארף מען זיין באהיט משמים בשמירה עליונה הי"ר. (ס' דברי מנחם, בראשית) ענליך פון דעם איז דא א אויסדריק "ז ר ו " מיט'ן זעלבן טעם.

## דער שפין האט געברענגט פייער צום ביהמ"ק און צוגעהאלפן צום חורבן

מאמר מהנשים זקינות, דאס האט א מקור אין מדרש משלי (ל' כ"ח) שממית בידים תתפש, והיא בהיכלי מלך, שהחריבה מקדשו של ממ"ה הקב"ה. אויך איז ידוע אז אויף דעם שפין איז אויסגעקריצט פון אונטן אזווי א צלם, וכנראה אז ס'רוהט אויף איר א טומאה, ס'זעט אויס אז דער שר פון דעם שפין האט חרטה געהאט אויף זיינע שלעכטע מעשים, וועגן דעם האלטן זיי אין איין בויען בנינים, א רמז לבנין הבית. (דברי שלום להרה"ק משאץ זצ"ל)

## דער שקר קומט אפיר און באווייזט זיך

ובלשון הגמ' (שבת ק"ד ע"א) קושטא קאי, שיקרא לא קאי, און אותיות דר"ע שטייט, שקר אין לו רגלים, דאס מיינט ס'האט נישט קיין גרונד און ס'קען זיך נישט האַלטען אויף לאנג, די וועלט זאגט, שקר האט נישט קיין פיס, אבער פליגלען און אויערען יא. אויך איז דא א אויסדריק, "ז ר ז ר ר
ר ".

## דערציילען אין גאס

א ווארט צוגעלייגט צו א לשון הפסוק (שמואל ב׳ א כ׳) אל תגידו בגת.

## האוחז ביד איז די בעסטע תפילה

מיוסד לויט דעם לשון הפיוט פון יוהכ״פ, דאס מיינט אז דער וואס איז מוחזק אין די זאך איז ידו על העליונה, ובמאמר העולם, ו׳ר ש ׳ן, ׳ן.

## האַמער

אין בעלזא איז געווען א קלאפער נאך פון די צייטן פון ב״ח, וואס מיט דעם פלעגט דער שמש גיין צו די אידישע הייזער ״שוהל קלאַפן״ און אויף דעם קלאַפער איז געווען אויסגעקריצט די אותיות המ״ר.

אין דעם ספר טעמי מנהגים אות קס״ה ברענגט אויף דעם א רמז אז המ״ר איז ר״ת ה׳רחק מ׳שכן ר׳ע, ווי די גמ׳ זאגט, מי שיש לו ביהכ״נ בעירו ואינו הולך בו נקרא שכן רע, און מיט דעם האַמער האט דער שמש דערוועקט די אידן זאל אויפשטיין און קומען דאווענען אין ביהמ״ד.

און דער מנהג איז געווען אז צו רופן צום דאווענען האט דער שמש געקלאפט דריי מאל קעגן די דריי שותפים וואס דער מענטש האט, אביו ואמו והקב״ה, און קעגין אברהם יצחק ויעקב, און אויב איז דער שמש געגאנגען רופן צו א הלוית המת האט ער געקלאפט מיטן האמער נאר צוויי מאל, ברמז אז ס׳איז געבליבן נאר צוויי שותפים, און דער רבש״ע האט זיך גענומען זיין חלק צוריק, די נשמה הקדושה.

## האסטו- האלט, ווייסטו-שווייג, קענסטו-טוה

א קורצער אויסדריק מיט אסאך כללים, ובמקורות, אוקי ממונא בחזקת מריה, המוציא מחבירו עליו הראיה, - הולך רכיל מגלה סוד, ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה – כל אשר תמצא ידך לעשות בכוחך עשה, במקום פסידא עביד אינש דינא לנפשי׳, אויך איז דא וואס זאגן – - ת, דהיינו הוכח תוכיח את עמיתך.

## הולייא - הולייא

דער מנהג ווען מ׳טאנצט פאר די כלה צו שרייען הולייא, הולייא, דאס איז א רמז צו דעם וואס שטייט אין מדרש (ב״ר פ״ע אות י״ט) ווען לבן האט אריינ׳געברענגט לאה צו יעקב ביי די חתונה האט ער געהייסען אלע געלאדענטע געסט צו טאנצען און שרייען, הא לאה, הא לאה.

## הייבט אָן מיט א פעסעל און ענדיגט מיט א קריגל

דאס ווערט געזאגט בדרך הלצה אויף דעם לשון הגמרא (ב״ק כ״ז ע״א) פתח בכד וסיים בחבית, איבער א מענטש וואס הייבט אָן מיט איין זאַך און ענדיגט א צווייטע זאך.

## הימעל

דאס איז א שם פון הצלחה, וואס קומט ארויס פון דעם פסוק ה׳וא י׳שלח מ׳לאכו ל׳פניך, ר״ת הימ״ל, (רפואה וחיים)

## הינט הינט, דו ביסט עשו׳ס הינט, און איך בין יעקב׳ס קינד, אויב דו וועסט מיך בייסן, וועט קומען מיין טאטע יעקב, און וועט דיך צורייסען

מאמר העולם, וואס קינדער זאגען דעם לחש אנטקעגן די הינט, כדי זיי זאָלן נישט בילן און בייסן.

## היץ טרייבט ארוים היץ

ובלשון הגמ׳ (שבת מ״א ע״א) הבלא מפיק הבלא, אין ארץ ישראל איז איינגעפירט, ווען ס׳הערשט דארט גרויסע היצן טרינקען זיי הייסע טיי, און דאס קילט זיי אָפּ.

## העכט פיש

דער פיש וואס הייסט ״העכט״ איז דער קעניג פון די פיש, און ווען די פיש שווימען באנאזאם אין די וואסערען גייט דער העכט פון פאָראויס, הגם ער פארמאגט נישט קיין גוטן מוח, אבער די פיש זענען נישט מקפיד אויפ׳דעם, ווייל דאס הארץ פון מלכים ושרים ליגט ביד ה׳, און אויך צדיקים זענען געגליכן צו פיש, און אין פסוק שטייט, אין חכמה ואין תבונה נגד ה׳ (חשבה לטובה, אלכסנדר, משלי)

## העלף מיר רבש״ע פון מיינע גוטע פריינד, פון מיינע פיינט וועל איך מיך אליין היטן

פתגם השגור, מובא בחומת אנך להחיד״א (תהלים קי״ח) מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק, ה׳ לי בעוזרי, רבש״ע היט מיך אָפּ פון מיינע העלפערס וואס זענען באהאלטענע שונאים, ואני אראה בשונאי, פון די אפענע שונאים וועל איך מיך שוין אליין היטן.

## הערן, זען און שווייגן

מאמר העולם, דער רמב״ם באניצט זיך מיט דעם לשון הפסוק (בראשית כ״ה י״ד) ומשמע ודומה ומשא, אלץ עצה טובה קעגן שונאים, בלשון שמע, דום ושא, הער, שווייג, און פאַרטראָגען, און אזוי טייטשט דאס דארט דער תרגום יונתן, וצמיתא ושתוקא וסוברא.

אין די גמרא (סנהדרין ז׳ ע״א) שטייט, טוביה דשמא ואדיש, חלפיה בישתיה מאה, זאגט רש״י וואויל איז דעם טוביה וואס ער הערט זיין שאַנד און שווייגט שטענדיג, מיט דעם שווייגן שפּאָרט ער זיך איין הונדערט צרות וואס וואלט אויף איהם געקומען מיט קריגערייא.

## הערצער שפירען - איין הארץ פילט דאס אנדערע

ובלשון הפסוק (משלי כ״ז י״ט) כמים הפנים לפנים, כן לב האדם לאדם, זאגט רש״י, אזוי וואסער, מיט וואס פאר א פנים די באווייזט זיך אזוי ווייזט עס צו דיר,

דאס זעלבע ביים מענטש לויט דעם געפיל פון ליבשאפט וואס דו האסט צום חבר, אזוי א פנים ווייזט ער צו דיר.

## השי"ת האט מיט מיר געטאָן חסדים

הרה"ק ר"א מזידיטשוב זצ"ל האט געזאגט אויב ס'איז געשען פאר איינעם א נס והצלה זאל ער נישט זאגען בלשון "דער באשעפער האט מיר געמאכט א נס" ווייל ווען מ'דערמאנט מעשי ניסים טוט מען איהם פארמינערען פון זיינע זכיות, ער זאל נאר זאגען, השי"ת האט מיט מיר געטאן חסדים" (ידות אפרים תהלים ק"ז).

## השי"ת זאל העלפן

אין ס' דברי תורה מונקאטש (ח"ד אות מ"ז) שטייט מ'זאל נישט זאגען "השי"ת זאל נאר עטוואס העלפן", ווייל דורכדעם וועט דער מקטרג זאגען, ער אליין בעט דאך נישט מער ווי א קלייניקייט, איז דאך גענוג אז ער לעבט, און באמת האט ער שוין עפעס גע'פועל'ט, און ס'שטייט אין זוה"ק (ח"א דף קס"ט ע"א) אז ביים דאווענען דארף מען קלאר ארויס זאגען וואס ער בעט ממילא דארף מען ארויס זאגען בפה מלא זיין בקשה צום רבש"ע, וועט ער זוכה זיין בישועה גדולה בלי די ובלי שיעור משמי שמים.

## השי"ת שיקט די קעלט נאך די קליידער

ס'שטייט אין תהלים (קמ"ז ט"ז) הנותן שלג כצמר וכו' משליך קרחו כפיתים, זאגט רש"י כפיתים, הכל לפי משא הבריות, העני לפי חוסר מלבושיו מיקל עליו.

בדרך הלצה זאגט מען, משליך קרחו כפיתים, ער שיקט די קעלט לויט די "קאפוטע".

## וואויל איז דעם וואס זיצט אינדערהיים

ובגמ' (סוכה כ"ז ע"ב) משבח אני את העצלנים שאינם יוצאים מבתיהם ברגל, ובלשון הפסוק "אשרי יושבי ביתך" און די מגידים לייגען צו, ס'שטייט אויך אין פסוק, אשרי תמימי דרך, דער חילוק איז אין דעם אויסלאז, דא ענדיגט מען תהילת ה' ידבר פי, און דארט, ענדיגט זיך, תעיתי כשה אובד, והבן.

## וואס איילט ער זיך

דאס איז לשון ״איל״ ווי דער פסוק זאגט נפתלי אילה שלוחה, און די גמ׳ (סוטה י״ג ע״א) זאגט אז נפתלי איז געלאפען ווי א אינד צו ברענגען דעם שטר פון מצרים אז יעקב אבינו האט געקויפט דעם קבר אין חברון פון דעם מערת המכפילה.

## וואס באַשערט דאס ווערט [לויט די ווערד]

ובלשון הגמ׳ (מו״ק י״ח ע״ב) אי חזיא לך לא אזלי מינך, אויב ס׳איז צוגעפאַסט פאר דיר, וועט עס נישט אוועקגיין פון דיר, ובגמ׳ (יומא ל״ח ע״ב) אין אדם נוגע במוכן לחבירו א מענטש רירט נישט אָן דאס וואס איז צוגעגרייט פארן חבר.

אויך איז דא א שפריכ׳ווארט ״ר תר ר ״ – ובגמרא (ברכות נח ע״א) אפילו ריש גרגיתא מן שמיא מנו ליה, אפילו דער אויפזעהער וואס איז ממונה אויף די גריבער פון וואסער אנצופילן די פעלדער, איז אויך געוואָרן באשטימט פון הימעל אויף דעם תפקיד.

## וואס ביי א ניכטערען אויפן לונג, ביי א שיכור׳ן אויפן צונג

דאס מיינט אז דער שיכור אנטפלעקט מיטן מויל, וואס ער טראכט אין הארץ, ובדומה בגמ׳ נכנס יין יצא סוד, ס׳ווערט דערציילט בדרך צחות וואס א גדול האט אויף דעם געזאגט, אז לויט דעם איז שווער פארוואס דארף מען בודק זיין די בהמה אויב ער האט א סירכא אויף די לונג, מ׳קען דאך איהם אנ׳שיכור׳ן און באטראכטן די צונג, וועט מען דאך שוין וויסן וואס ער האט אויף די לונג, אלא מאי, זעהט אויס אז ביי א בהמה איז נישטא דער כלל. והבן. הרה״ק ר״ב ממעזבוז זי״ע האט געזאגט אויף דעם ווערטל דאס איז דער סוד פון די ד׳ כוסות.

## וואס דער שכל קען נישט מאַכן, מאַכט די צייט

מאמר העולם, מובא בשו״ת חוט השני סי׳ קי״ב בלשון ״מה שלא יעשה השכל יעשה הזמן״ אין ס׳ תולדות יצחק (זקנו של הבית יוסף) פ׳ וישב שרייבט אז די מנחמים זאגן פאר די אבלים, מה שיעשה הזמן, יעשה השכל, און די כוונה, זאל

דער מענטש פארשטייין יעצט מיטן שכל וואס דער זמן וועט טאהן ממילא, ווייל צייט ברענגט טרייסט.

## וואס טויג מיר די חכמה, אז די נארישקייט געלונגט

ובלשון הפסוק (קהלת ב׳ ט״ו) [אמר שלמה המלך] ואמרתי אני בלבי כמקרה הכסיל גם אני יקרני, ולמה חכמתי אני אז יותר.

## וואס ליגט אויף די לונג, קומט ארויס אויף די צונג

מאמר החכם, (חוה״ל שער ענוה פ״ח) הלשון הוא קולמוס הלב ושליח המצפון, ובמדרש (קה״ר פ״ז) האיך מה דקומקומתא גליש על גיסיה שפיך, מיט וואס מ׳פילט אן דאס קעסיל פון דעם רינט איבער אויף ארויס, אזוי דערקענט מען א מענטש זיין מהות גוט צו שלעכט, לויט זיינע דיבורים וואס ער רעדט.

## וואס מ׳באקומט גיך, פארלירט מען גיך

בגמ׳ (שבת י׳ ע״א) שעה שלישית מאכל יורשים, פרש״י, יורשי הון רב שלא טרחו בו, ואין עוסקים ודואגים לשוט אחרי מזונות ולעסוק במלאכה, וברש״י חולין פ״ד ע״ב, מי שלא טרח בממון קל בעיניו לאבדו.

## וואס מ׳האט וויל מען נישט, און וואס מ׳וויל האט מען נישט.

מאמר העולם, מי שיש לו מנה רוצה מאתים, און דער מדרש זאגט (קה״ר פ״א, יג) אין אדם יוצא מן העולם וחצי תאותו בידו, א מענטש גייט נישט אוועק פון די וועלט ער זאל שוין האבן דערגרייכט האלב פון וואס ער גלוסט צו האבען, ווייל וויפעל ער זאל פארמאגען וויל ער דאפעלט אזוי פיל – ובלשון הגמ׳ (סוטה ט׳ ע״א) לגבי נחש הקדמוני, מה שבקשה לא נתן לה, ומה שבידה נטלוהו ממנה.

## וואס מ׳כאַפּט אריין איז פאַרפאַלען

ובגמ׳ (ב״ב ל״ד ע״ב) והכי דתפס לא מפקינן, ובגמ׳ ב״מ ו׳ ע״ב תקפו כהן אין מוציאין מידו, ובדומה בגמ׳ (עירובין נ״ד) חטוף ואכול חטוף ושתה.

ס׳ווערט דערציילט אז דער הייליגער צאנזער רב זי״ע איז געווען אמאל אין מארק און אַ אידענע וואס האט פארקויפט עפעל איז געקומען צו לויפען מיט איין געוואלד אז איינער האט איבערגעדרייט דעם זאק און יעדער כאפט עפעל, האט דער צאנזער רב געזאגט, גיי לויף שנעל כאַפּ דו אויך ווערסטו האבן וואס דו דארפסט.

## וואס עלטער ווערט מען אלץ קעלטער

ובלשון הפסוק (מלכים א׳ א׳) והמלך דוד זקן בא בימים ויכסהו בבגדים ולא יחם לו.

## וואס ער זאגט מיינט ער נישט, און וואס ער מיינט זאגט ער נישט

ובלשון הפסוק (תהלים ע״ח) ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו, ולבם לא נכון עמו – (ירמי׳ ט׳ ז׳) בפיו שלום את רעהו ידבר, ובקרבו ישים ארבו – (ישעי׳ כ״ט י״ג) בפיו ובשפתיו כבדוני, ולבו רחק ממני, נאך א אויסדריק ״ ר ר
ת ״

## וואס פאטשט דו דיך אין בויך

אין די גמ׳ (ב״מ פ״ג ע״ב) שטייט ראב״ש האט געלייגט זיינע הענט אויפן בויך, און געזאגט, שישו בני מעי שישו, ענליך שטייט אין מס׳ גיטין (מ״ז ע״א) ריש לקיש האט געזאגט אויף זיך ״כריסי כרי״, ועיי״ש בתוס׳.

## וואס צו - איז איבעריג

א סמך פון מדרש (ב״ר ט׳ י״ב) טוב מאוד, זה יצה״ר, זה גיהנם, זה מה״מ, אויך אין די גמ׳ (חולין מ״ז ע״א) איז דער לשון ״כל יתר כנטול דמי״, ובדרך צחות ווערט געזאגט דער אויסדריק ויצר׳צו כל פועלי און, והבן.

## וואַסער

די דורשי רשומות זאגען ״וואַסער״ באטרעפט פונקט וויפל ״גשם״.

## וואַרף נישט אוועק אומריין וואַסער, ביז דו האסט ריינ׳ס

מרגלא בפומי׳ פון צדיקים, אלץ׳ עצה בעניני מסחר, דאס ווערט אויך געברענגט אין ס׳ משנה למלך, להר״א מרישא זצ״ל מכתב י״ב און ס׳ זכרון בספר, פנינים יקרים ווערט דאס געברענגט בלשה״ק, אל תשפך המים הפסולים טרם נמצאו זכים וצללים.

## וואַרף נישט קיין שטיין אין דעם ברונעם פון וואס דו טרינקסט

ובלשון הגמ׳ (ב״ק צ״ב ע״ב) בירא דשתית מיני׳ ״מיא״ לא תשדי בי׳ קלא, און דער פשט זאלסט נישט אריין ווארפען אין די ריינע וואסער קיין זאַמד ס׳זאל שמוציג ווערן, אין מדרש (במ״ר כ״ב ד׳) שטייט דער לשון בור ששתית ממנו אל תזרוק בו אבן.

## ווי א רויז צווישען דערנער

״כשושנה בין החוחים״, ווייל אלע פירות און בלומען ווען ס׳שטייט צווישן דערנער ווערן זיי צו שטאכן און זיי באקומען לעכער, אבער א רויז אפילו זיי ווערן צושטאכן, שטעלט זיך דאס צוריק אויס שיין און גאנץ אזוי ווי פריער, ווייל ס׳איז ווייך און איידעל, שאדט נישט די דערנער (הגר״א שה״ש ב׳ ב׳).

## ווי אזוי הייסטו, וואס איז דיין נאמען?

ווען א מענטש באגעגענט זיך אויפן וועג מיט איינעם וועמען ער קען נישט, זאל ער נישט סתם אזוי זאגען דאס איז מיין נאמען, איך הייס פלוני בן פלוני, ביז דער פרעמדער וועט דיך פרעגען ווי אזוי הייסטו (זוה״ק סו״פ תצוה, בדרך אמת).

## ווי איידער א שלום של שקר, שוין בעסער מחלוקת מיט אמת

פתגם הגריח״ז זצ״ל אבד״ק ירושלים עיה״ק, לויט דעם מדרש, אמת האט געזאגט מ׳זאל נישט באשאפען די וועלט ווייל ס׳איז כולו שקרים, אויך דער שלום האט געזאגט מ׳זאל נישט באשאפען די וועלט, ווייל ס׳איז כולו קטטה, האט דער רבש״ע גענומען דעם אמת און אראפ געווארפען אויף די וועלט, ווי דער פסוק זאגט, ותשלך אמת ארצה, איז דאך שווער, וואלט נישט בעסער געווען ווען דער רבש״ע ווארפט אראפ דעם שלום, וואלט דאך געווען שלום אויף די וועלט, נאר אויב וואלט דער רבש״ע אראפגעווארפען דעם שלום וואלט דאך געהערשט אויף די וועלט א שלום של שקר, און דאס וואלט נישט גוט געווען, אבער איצט אז מ׳האט אראפגעווארפען דעם אמת און נישט דעם שלום, קענען מיר זוכה זיין צום עולם האמת, ובלשונו מוטב שתהא מחלוקת של אמת, מאשר שלום של שקר. (חכמת חיים, בראשית) [וכן מובא בס׳ שיח שרפי קודש, בשם הרה״ק מקאצק זצ״ל]

## ווי איידער צו זארגן וואס וועט זיין מאָרגן, בעסער פאר׳רעכטען וואס איז געווען נעכטען

מרגלא בפומא דצדיקים בשם הרה״ק משינאווע זצ״ל, ובלשון הגמ׳ (יבמות ס״ג ע״ב) אל תצר צרת מחר כי לא תדע מה יולד יום, שמא מחר בא ואיננו, נמצא מצטער על עולם שאיננו שלו.

אויך איז דא א שפריכ-ווארט ״ ת ר ר רת ר ז
ד שר ר ת ״ ובמקורו (אבות ב׳ י״ד), אל תאמר לכשאפנה אשנה, שמה לא תפנה – נאך א אויסדרוק ״דאס נעכטיגע מארגן איז היינט״, ועוד ״מארגן איז אויך א טאג״ ״זוך נישט דעם נעכטיגן טאג״, כיום אתמול כי יעבור, ״א טאג פון איבער׳נעכטיגן״

## ווי ס'איז איבעריג דאָרט פעלט

ובלשון הגמרא (חולין נ"ח ע"ב) כל יתר כנטול דמי.

## ווי ס'איז דא רויך, איז דא פייער אויך

ובלה"ק אין עשן בלא אש, ומקורו כעי"ז בזוה"ק פ' נח (ע' ע"א) לית תננא (עשן) בלא אשא ולא אשא בלא תננא- ובלשון הפסוק, והר סיני עשן כלו מפני אשר ירד עליו ה' באש.

## ווי קומט א קאַץ איבערן וואסער

דאס איז פארשטענדליך לויט ווי די גמרא זאגט (חולין קכ"ז ע"א) כל שיש ביבשה יש בים, חוץ מהחולדה, אלעס וואס געפינט זיך אויף די טריקעניש געפינט זיך אויך אין וואסער, אויסער די חולדה, און דאס איז פון די משפחה פון קעץ, והבן.

## וויי דעם הויז וואס ברענט פון אינעווייניג

אין ס' בחינת עולם י"ד מ"ג שטייט דאס בלשון "אוי לבית כי ישא עול מריבת איש ואשתו, אויך אין תפילת שחרית ליוה"כ ביי דעם פיוט "מי יתנה תוקף" זאגט מען בלשון, על כן יאמרו מושלי משליו, אי לבית שמהרסיו ומחריביו משליו".

## וויי צו די אויערען וואס הערן דאס

דער מקור שטייט אין מדרש שמואל, ל"א, וויי לון לאוזנא דהיכדיין שמעיין.

## וויינט ווי א ביבער [ווי א קראקאדיל]

דער אויסדריק שטאמט פון דעם ווייל די חי' ביבער האט א טבע אז ער מאכט נישט קיין רוק-צוג, און ווען מ'וויל איהם פאנגען און ער זעט דעם נעץ פאר די אויגן, נעמט ער זיך וויינען אבער גייט ווייטער גלייך אין נעץ אריין.

## ווייסע שטריכן איז א גוטער סימן

צומאל וואקסן אפיר אויף די נעגל פון די הענט אזוינע ווייסע שטריכן, דאס איז א גוטער סימן, אדער איז אויף אים נגזר געווארן א גזירה און ער איז דערפון ניצל געוואָרן. (דבש לפי להחיד"א מע' ד' אות יב)

## ווילן (רצון)

די גמ' (חגיגה יב ע"ב) זאגט, וילון לא משמש כלום, אויף דעם זאגט מען בדרך צחות, ווילן איז גארנישט, דאס מיינט דער רצון אליין אן דעם וואס ס'זאל ווערן אויסגעפירט מיט גוטע מעשים איז גארנישט ווערד. אויך איז דער אויסדריק "ווילנער גאון" וויל נאר ווערסטו ווערן א גאון.

## ווען דער לויתן שאקעלט זיך ווערט א ערד ציטערניש

אין ס' ילקוט מעם לועז (בראשית פ"ה אות י"א) שטייט בשם ס' שבט מוסר, די וואוינונג פון לויתן איז אונטערן תהום ביי דעם ים אוקיינוס, און דער יסוד העולם שטייט העכער דעם, און זיין מויל איז אלץ אפן איינצושלינגען די פישלעך וואס שווימען צו איהם אריין.

און יעדן טאג קומט צו גיין א גרויסער פיש נעבן זיין מויל און דער לויתן עסט איהם אויף, און איין מאל אין זיבעציג יאר הייבט ער אונטער זיינע גלידער און פעדערן און שאקלט זיך אויף, און פון דעם ווערט די וועלט אויפגעשאקלט און דאס מאכט אן א ערד ציטערניש.

## ווען חסידים וואנדערען גייט רעגן

אזוי האט געזאגט דער ישמח משה זי"ע פאר הגאון ר' משה מינץ זצ"ל, און צוגעלייגט א טעם, ווייל די גמ' זאגט צדיקים אין להם מנוחה בעוה"ז, ובכן ווען זיי זיינען ביי זיך אין שטוב האבן זיי נישט קיין מנוחה פון דעם עול בני בית, אבער אונטערוועגנס האבן זיי נישט דעם עול, שיקט מען זיי רעגן כדי זיי זאלן נישט האבן מנוחה. (חמדה גנוזה בשם היש"מ)

וכידוע אז דער שם הדרך איז מרומז אין פסוק כ׳אשר י׳רד ה׳גשם ו׳השלג, בר״ת, ס׳איז אבער דא נאך א פסוק ו׳המשכילים י׳זהירו כ׳זוהר ה׳רקיע, ר״ת שם הדרך, ממילא קען שוין די זון אויפשיינען ווען מ׳פארט אין וועג.

## ווען מ׳קלאפט ״ארור המן״ שפירט ער די קלעפ אין גיהנם

הגר״ח פלאגי שרייבט אין ס׳ רוח חיים (סי׳ תרצ״ו אות ט׳) מרגלא בפומא דאינשי אז המן הרשע ווערט געקלאפט, יעדעס יאר אין גיהנם ווען מ׳דערמאנט זיין נאמען אין די מגילה און ווען מ׳זאגט ארור המן, דאס ווערט דערמאנט אויך אין ס׳ מדרש אליהו (אסתר פ״א) פון בעל שבט מוסר, אז השי״ת מאכט אז דער רשע זאל שפירן די קלעפ ווען מ׳דערמאנט זיין נאמען כדי ער זאל מקבל זיין גרויס צער אלס עונש וואס ער האט געוואלט טוען פאר די אידען רח״ל, והשם ב״ה הפר עצתו ותלו אותו ואת בניו על העץ כן יאבדו כל אוביך ה׳.

## ווען נישט די משוגעים וואָלט די וועלט חרוב געוואָרן

ובלשון הרמב״ם בהקדמה לסדר זרעים, ומה טוב אמר האומר ״לולי המשתגעים נשאר העולם חרב״ שאין בעולם שגעון דומה לשגעון האדם שהוא חלוש הנפש ודל ההרכבה והוא עובר ימים וכו׳, עיי״ש בפנים לשונו הזהב באריכות נפלא.

## ווענט האָבען אויערען [גאַסן האבן אויגען]

ובלשון המדרש (ויק״ר ל״ב ב) אזנים לכותל ואזנים לדרך, ובגמ׳ ברכות (ח׳ ע״ב) וכשיועצין אין יועצין אלא בשדה, פירש״י, דאמרי אינשי אזנים לכותל.

## ווער ס׳האט די מטבע [מאה], האט די דעה

אין פסוק (קהלת ז׳ י״ב) שטייט, בצל החכמה בצל הכסף, אויך, הכסף יענה את הכל.

## ווער ס׳קומט נישט צו מיר, געהער נישט צו מיר

ובלשון הגמ׳ (ב״ק צ״ב ע״ב) בשם בן סירא, כל עוף למינו ישכון, ובן אדם לדומה לו. אויף דעם זאגט די גמ׳, לא לחנם הלך זרזיר אצל עורב, אלא מפני שהוא מינו.

## ווער עס גיט לעבן, וועט געבן צום לעבן

מאמר העולם, בלשון מאן דיהיב חיי יהיב מזונא, ובלשון הגמ׳ (תענית ח׳ ע״ב) כי יהיב רחמנא שובע לחיי יהיב, ובגמ׳ (נדה ל״א ע״ב) בא זכר בעולם בא ככרו בידו, ובמדרש (ב״ר ס״ה י״ז) אם לזיווגך המציא לך, למאכלך על אחת כמה וכמה, אז דער רבש״ע האט דיר דיין זיווג צוגעשטעלט, וועט ער דיין שפייז אוודאי צושטעלן, אין ס׳ בארת המים פ״א שטייט בשם הרה״ק ר״פ מקאריץ זי״ע, אז די טויערען פון פרנסה איז אלץ אָפען, ווענענדעם זאל מען אויף דעם מתפלל זיין, וועט מען שוין זוכה זיין אויך צו א געזונט לעבן, ווייל כי יהיב רחמנא שובעא לחיי הוא דיהיב.

## ווער עס ווייסט נישט פון [בית] בייז, ווייסט נישט וואס גימל באדייט

א אויסדריק לויט די אותיות ביז גימל, און די כוונה, מיט גימל הייבט זיך אָן דאס ווארט ״גוט״ וכדומה, און דער ווער עס ווייסט נישט פון קיין שלעכטס און בייז, ווייסט אויך נישט דאס גוטס צו שאַצן.

## ווער עס זעהט גוט איין, זעהט שלעכט אוים

מרגלא בפומא פון חתם סופר זצ״ל, און די כוונה לויט די הכנעה פון דעם גוף אזוי ווערט נתעלה דער נפש וכן בהפיכו, (מקרי דרדקי פ׳ מקץ, להרהגה״צ ר״ה מקאלאמייא זצ״ל)

## ויתן לך, קיין געלט איז נישטא

מרגלא בפי העולם בדרך בדחנות, ואפשר לומר בדרך צחות לויט ווי ס׳שטייט אין שער יששכר (ניסן, מאמר שפת הים, אות ז׳) בשם ארון העדות, דאס וואס

מ'זאגט מוצש"ק ויתן לך דאס איז לסימן טוב צום אנהייב וואך, ווייל "ויתן לך" בגמט' מעות, אז השי"ת זאל געבן געלט בשפע רב, אבער ס'דארף אויך זיין "מטל השמים" בגמט' דע"ת, ווייל אן שכל ודעת הנפש לא טוב, און דאס עשירות קען ח"ו זיין שמור לרעתו ח"ו, ממילא אויב איז ויתן לך אן מטל השמים, דהיינו געלט אן דעת איז גארנישט ווערד, און דאס מיינט דער אויסדריק, ויתן לך, קיין געלט איז נישטא. (בית יצחק, תולדות)

## ו'צדקתך

אין קב הישר פנ"ב שטייט מרגלא בפומא דאינשי צו זאגען הזהר מן הצבועין, והשמר מן ו'צדקתך, אין ס' אוצר יד החיים, כללים, שטייט אז די וואס זיינען מדקדק ביותר מדאי, רופט מען איהם, א ווײ'צדקתך.

## זאלסט געהאלפן ווערן בניקל

הרה"ק רמ"מ מסטריקוב זצ"ל האט געזאגט, דער טעם פארוואס אידן וואונטשען בלשון בניק"ל ווייל דאס איז בגמ' קפ"ב כמנין יעק"ב, מדת הרחמים, און מ'זאגט נישט בפירוש, בזכות יעקב, ווייל ס'דארף זיין באתכסיא (בישישים חכמה, דף ע"ח)

## זאלסט האבן אלעס גוטס אויסגעבעטן

דאס איז דער מנהג ווי איינער וואונטשט דעם צווייטען מוצאי יוהכ"פ, דאס איז אזוי ווי מיר געפינען ביי שלמה המלך ע"ה ווען ער האט געענדיגט בויען דעם בית המקדש צום סוף פון זיין תפילה האט ער געזאגט, ויהיו דברי אלה אשר התחננתי לפני ה' קרובים אל ה' אלקינו יומם ולילה וכו', דהיינו מ'איז מרמז איינער פארן צווייטען מיט די ברכה אז ס'קען זיין אז די תפלות וואס ער האט געדאווענט יוה"כ איז נישט געווען מיט די ריכטיגע כוונה און ס'איז ח"ו נישט געווארן אנגענומען, וועגן דעם ווינטשט מען זיך, זאלסט האבן אלעס גוטס אויסגעבעטן, דאס איז א בקשה לפני אבינו שבשמים אז די תפילות זאלן ווערן אנגענומען (דברי יחזקאל שינאווע, למוצאי יוה"כ).

## זוך דיר דיינס גלייכן

ובלשון הגמ׳ בעניני נישואין (יבמות מ״ד ע״א) כלך אצל שכמותך ואל תכניס קטטה לביתך

## זיבן איז ליגן

מאמר העולם, און דער באדייט, ווייל די וועלט דרייט זיך אויף זיבן, און דאס איז א עולם השקר, אויך שטייט אין פסוק, כי שבע יפול צדיק וקם, דאס מיינט אז דער צדיק פאלט זיבן מאל איז א שקר, ווייל סוף כל סוף וועט ער זיך צוריק אויפשטעלן, אויך ברמז אז די שבעה כוכבי לכת איז נישט שולט אויף אונז אידן, ווייל מיר שטייען העכערן מזל, ואין מזל לישראל, אויך בדרך צחות איז זיב״ן לשון זכר ונקיבה ביחד, זי׳-בן׳

## זייטס געזונד און שטארק

אזוי ווינטשן זיך אידן וועג זיי שיידן זיך איינער פון צווייטען, אויף דעם האט געזאגט הרה״ק מריזשין זצ״ל, ווייל די גמ׳ זאגט, הנפטר מחבירו אל יפטר אלא מתוך דבר הלכה, וועגן דעם זאגט מען דעם וואונטש, ווייל מיט דעם האט מען אינזין די ערשטע הלכה אין שלחן ערוך, יתגבר כארי לעבודת בוראו.

## זיך אויסציהען די ביינער

אין ב״י או״ח (סי׳ מ״ו אות ה׳) שטייט, צופריא וועג דער מענטש זעצט זיך אויף אויפן בעט, און ציהט זיך אויס די ביינער, מאכט מען די ברכה מתיר אסורים, ווייל מען שאקעלט אויף די ביינער וואס איז געווען א גאנצע נאכט ווי געבונדן, און וועג ער שטעלט זיך אויף אינגאנצן מאכט מען די ברכה זוקף כפופים ווייל א גאנצע נאכט איז זיין געשטעל געווען געבויגען ע״כ.

דאס איז דער באדייט פון די תפילה אויף חילוץ עצמות, אויך איז דאס מסוגל אויף צו וואקסן העכער.

## זיך צו פטר'ן מיט גארנישט, דאס גייט נישט

ובגמ' (חולין כ"ז ע"א) פטור בלא כלום אי אפשר, ושם הגירסא לפוטרו בלא כלום אי אפשר.

## זינגען מה יפית

דאס איז א אויסדריק וואס מ'זאגט אויף א חונף, אין שיר השירים ווערט דער פסוק מה יפית ומה נעמת געזאגט אויף א חונף, עיי"ש.

## זכות אבות איז קיין קאַטאָוועס

דאס מיינט, עס איז נישט אוועק צו מאכן, די גמ' זאגט (יומא פ"ז ע"א) אשריהם לצדיקים לא דיין שהן זוכין, אלא שמזכין לבניהם ולבני בניהם עד סוף כל הדורות, מ'דערציילט אז ווען הרה"ק רבי מענדילע ווארקער זצ"ל איז נסתלק געווארען, און די חסידים האבען געוואלט אויפנעמען זיין זון רבי שמחה בונם מאטוואצק אלס ממלא מקום, איז ער געפארען צום הייליגען רבין פון ראדזימין פון די זקני האדמורי"ם בדורו ער זאל איהם מסמיך זיין.

רבי שמחה בונם קומט אריין צום רבין, זאגט איהם דער ראדזימינער, דיין זיידן רבי איציקל פון ווארקע האבן מיר געקענט, פון דיין טאטע רבי מענדיל האבן מיר געהערט, און יעצט, וואס איז מיט דיר, האב רבי שמחה בונם געענטפערט, אברהם אבינו האט געגראבען קוועלער, אויך יצחק האט געגראבען, אבער יעקב אבינו האט שוין נישט געדארפט גראבען, ווייל נאכדעם ווען זיינע עלטערן האבן שוין אויסגעגראבען בארות מים חיים, האט שוין דאס אייניקעל געקענט גרינג צוקומען צו דעם ריינעם קוואל.

נאכן הערן אזא תשובה שטרעקט איהם גלייך אויס דער רבי די האנט, און זאגט איהם, שלום עליכם ווארקער רבי.

## זשעדי פארשעווע

הרה"ק ר"מ מפרימישלאן זי"ע האט אמאל געזאגט בדרך צחות, די גוים רופן די אידן מיט דעם לשון, ווייל דער וואס האט א געבויגענעם רוקן רופט מען אזוי,

דאס הייסט א גרב, און גר״ב איז די ר״ת ג׳מלנים ר׳חמנים ב׳יישנים, דאס איז די דריי מדות וואס די אידן זיינען מיט דעם באקרוינט (ס׳ דברי מאיר חיי שרה).

## חברא קדישא

אזוי ווערט אנגערופען די חבורה וואס באגראבן מתים, ווייל דאסווארט קדישא האט צוויי אפטייטשן, קדושה און טומאה, אין פסוק (חגי ב׳ י״ב) שטייט היקדש וואס דאס איז לשון טומאה, עיי״ש במצודות, אויך איה הקדישה הוא בעינים, איז לשון טומאה וזנות, און די חבורה חאטשע זענען זיך מטמא למתים דאך זענען זיי קדושים.

## חָגא

דער אויסדריק אויף א יו״ט פון די גוים, אזוי איז דער לשון הפסוק (ישעי׳ י״ט י״ז) והיתה אדמת יהודה למצרים לחגא, וכ״ה בריש מס׳ ע״ז, ועיין תוס׳ ב״מ כ״ה ע״ב, ד״ה כאבני.

## חד גדיא

א אויסדריק פאר א תפיסה, מ׳האט איהם ארייגעשליידערט אין חד גדיא, דאס איז א רמז צו די מעשה פון חד גדיא, ווי אלעס דרייט זיך, דער שלעגער ווערט געשלאגען, און סוף כל סוף באקומט יעדער זיין ריכטיגע שטראף פאר זיין זינד.

## חול-קרייש-הולעקרייש

אין שו״ת מהר״ם מינץ סי׳ י״ט [וכן במגדל עוז להיעבץ עמ׳ כ״ד) שטייט, אז דער מנהג פון אמאל איז געווען ווען מ׳האט געגעבן פאר א קינד זיין וואכענדיגן נאמען האט מען זיך צוזאמגעקומען בבית היולדות, און די קינדער האבן אויפגעהויבן דאס בעטל מיטן קינד צוזאם, און מ׳האט אויסגעשריגן דעם שמו החול, אזויווי, יוזפא, זלמן, פייביש, שמעלקע, וכדו׳, און דאס האט מען גערופען ״חול קרייש״ קרייש איז לשון שרייען אזויווי קרייען, מען האט געשריגן שמו החול, אויך איז דא א יש אומרים אז דאס איז בשורשו לשון צרפית,

במשמעות אויפהייבן דאס בעטל, ועיין במנהגים דק״ק וורמיישא לר׳ יוסף יוזפא שמש סי׳ רפ״ח באריכות.

## חיי שעה איז אויך געלעבט

ווערט דערמאנט אין די גמ׳ יומא פ״ה ע״א, מפקחין עליו את הגל מצאוהו חי מפקחין, פרעגט די גמ׳ פשיטא, לא צריכא דאפילו לחיי שעה.

## חלילה וחס - חס ושלום

אויף דעם פסוק (מקץ מ״ד ז׳) חלילה לעבדיך זאגט דער תרגום חס לעבדיך, אין רש״י טייטשט, חס מאת הקב״ה יהי עלינו מעשות זאת, והרבה יש בגמרא, חס ושלום, חס איז לשון רחמים, איז דער פשט השי״ת זאל ברענגען אויף אונז רחמים ושלום מיר זאלן נישט צוקומען צו דעם מכשול, ועיין בהפלאה שבערכין, בנוספות.

## חמשה עשר בשבט, דער יום טוב פון אדה״ר

אזוי איז דער מאמר העולם, דאס ווערט געברענגט אין די גמ׳ ע״ז (דף ח׳ ע״א) ווען אדה״ר האט געזען אז דער טאג ווערט קלענער, די זון הייבט אן אונטערצוגיין האט ער געמיינט אז די וועלט גייט אונטער, האט ער געזאגט, אוי לי שבשביל שסרחתי עולם חשוך בעדי וחוזר לתוהו ובוהו וכו׳, ווען ס׳איז אנגעקומען תקופת טבת און האט געזען אז דער טאג ווערט לענגער האט ער זיך בארוהיגט, און געזאגט, מנהגו של עולם הוא, און האט געמאכט א יום טוב, (מעגלי צדק סו״פ בשלח).

ולהוסיף, אזויווי חמשה עשר בשבט איז ר״ה לאילנות און דעמאלט הייבט אן ארויסצוקומען דער נייער שרף אויף די בוימער צום נייעם געוואוקס, האט זיך אדה״ר געפרייט אז ס׳הייבט זיך אן א נייע יאר און א נייע זריעה, האט ער געמאכט א יום טוב, כך הוא מנהגו של עולם.

## חֲמִשָּׁה

דאס איז דער מנהג ביי די ספרדים צו שרייען חמשה קעגן בעלי עין הרע, אויך ווייזן זיי אין די לופט און שאקלען די פינעף פינגער מיט א אפענע האנד קעגן עיה״ר רח״ל, אויך ווען זיי רעדן פון א קנין במנין ווארפן זיי אריין דעם מספר חמשה וכהנה, ענליך צו דעם שטייט אין חיד״א אין ס׳ פתח עינים, א סגולה ניצול צו ווערן פון עיה״ר צו מאכן א תכשיט בצורת ה׳ פון זילבער

## חן גייט איבער שיין

ובאסתר המלכה אמר הכתוב ותשא חן וחסד לפניו מכל הבתולות ובגמ׳ מגילה (י״ג ע״ב) אסתר ירקרקות היתה, וחוט של חסד משוך עליה - ובגמ׳ כל אדם שיש עליו חן בידוע שהוא ירא שמים.

## טאכטער דיר זאג איך, שנור דיך מיין איך

מקורו בצאינה וראינה בשם החזקוני פ׳ וירא, מיט דעם לשון ״הרוצה להוכיח את כלתו מוכיח את בתו, ענליך שטייט אין רש״י (בראשית ל״ז ל״ה) אויף דעם פסוק ויקומו כל בניו וכל בנותיו לנחמו, זאגט רש״י, בנותיו היינו כלותיו. ובדומה (ויקרא י׳ ט״ז) ויקצוף על אלעזר ועל איתמר בני אהרן, פרש״י מפני כבודו של אהרן הפך פניו כנגד הבנים וכעס.

## טאָכטער

על שם א חיה וואס הייסט ״טחטורא״ זי איז פול מיט שיינע פאַרבען, און א שיין געשטאלט, און א ריח טוב ונעים, ולכן קורין לבת ״טאכטער״ (צל העולם ח״ב ד״ח)

## טיי אין תהילים קען נישט שאַדן, נאר ס׳דארף זיין וואַרים

מאמר העולם, אין ס׳ מקדש מעט אויף תהלים שטייט אין די הקדמה אז דוד המלך האט געבעטען ביי השי״ת אז ווען אידן וועלן זאגן די בקשות און תפילות

מיט כוונה און האַרץ זאל נתעורר ווערן ביי זיי א רוח תשוקה צו ווערן דבוק אין השי״ת ולעבדו בלבב שלם, און דורכדעם זאלן זיי פועל׳ן די ריכטיגע ישועה.

## טשאָלענט

די טשאלענט איז דער שורש שלוק געווייקט, אגב דער מאכל ווערט שוין געברענגט אין אור זרוע, ה׳ ערב שבת סוס״י ח׳ בלשון ״שאלינט״, עיין בד״מ סי׳ רנ״ג אות ז׳, אין ערוך אות של״ק שטייט ירקות או זתים שלוקין, מבושלים הרבה, ע״י האור והחום, וע״ד אגב, של״ק ר״ת לכבוד שבת קודש, אויך בלשון צרפית הייסט א שטארק געקאכטע זאך בלשון שלוק, אויך איז דאס לשון צלי-לן, ס׳האט גענעכטיגט אויפן פייער פון ערב שבת. – אין ס׳ רשומים בשמך (קכ״ח) שטייט, אין אונגארין האט מען עס גערופען ״שאלעט״ וברמז אז די ווערים זענען נישט שולט אויף דעם בשר וואס ווערט נתרבה דורך די שבת׳דיגע מאכלים, דאס מיינט של״ט, מיט דעם מאכל איז דער מענטש שולט אויף די רמה ותולעה.

## טשעפעט זיך אָפּ פון די חברותא

אזוי איז דער מנהג פון די חברא קדישא צו זאגען פארן מת בשעת די קבורה, אויך איז דא א מנהג העולם צו זאגען ״יבדלו החיים מן המתים״, דאס ווערט געברענגט אין חתם סופר (תו״מ, בראשית דף ע״א), און דער מקור איז א גמרא (ע״ז י״ ע״ב) ווען אנטונינוס איז געשטארבן האט רבי געזאגט ״נתפרדה החבילה״. און דברי תורה מונקאטש (מהוד׳ ג׳ אות ס׳) שטייט איבער דעם באריכות, און שרייבט אז ביי מיתת צדיקים זאל מען דאס נישט זאגען, כדי ס׳זאל בלייבן א קשר, אין מאמר מרדכי, סלונים מכתב פ״ג ברענגט א מנהג פון צפת, אז די ח״ק שרייען פארן מת קודם סתימת הגולל דריי מאל. ״ ז ו, ז ר ר
ז ש , ר ז ש ״.

## יאכ״ו

אין ס׳ מעבר יבק פמ״ג שטייט אז דאס ערשטע ווארט וואס א קינד זאגט ווען ער הייבט אָן צו רעדן איז דאס ווארט ״יאכו״ ווייל דאס איז די ר״ת פון ״ישימך א׳לקים כ׳אפרים ו׳כמנשה, די ברכה וואס יעקב אבינו האט געבענטשט די בני

יוסף, און דאס איז אריין אין די טבע פון אידישע קינדער צו בענטשען זיך און די עלטערען.

## יארמולקע

דאס איז לשון ירא מלכא, ירא מאלקים, ווי די גמ׳ זאגט אויף רב נחמן בר יצחק כסי ראשך כי היכי דתהוי עלך אימתא דשמיא, דהיינו אז צודעקן דעם קאפ מיט א קאפעל ברענגט צו יראת שמים.

## יוהך

אזוי ווערט אנגערופען די שבת׳דיגע זיפ, א רמז צום שם הדרך, ס״ת פון כי׳ מלאכי׳ו יצו׳ה ל׳ך, הרה״ק מראפשיץ זי״ע האט געזאגט, אינדערהיים קען מען זיך באגיין מיטן שיסעל [שית״ל ר״ת שויתי ה׳ לנגדי תמיד] אונטערוועגינס דארף מען אביסעל יוהך אויך, דאס איז דער שם הדרך.

## יחוס אויף קברות, און אינדערהיים איז צרות

ובלשון הגמ׳ (סנהדרין ק״ו ע״א) מסגני ושליטי הות אייזן לגברי נגרי, איר אפשטאַם פון מלכים ושרים, און זי דרייט זיך ביי די קאפיטאנען וואס פירן די שיפען, דאס מיינט, וואס האט מען פון יחוס אבות אויב דער מענטש אליין איז א שפל ונבזה, אין עקידה (רות) שטייט, אין יחוס כיחס עצמו, אין ס׳ בן המלך והנזיר שטייט, מי שאין לו יחוס עצמו לא יועילנו יחוס אביו ואמו, ועיין בגמ׳ מנחות נ״ג ע״א.

## יעדן ערב שבת ווערט נתעורר די קעלט

וברמז, וקרקר כל בני שת. (עיון יעקב, יומא דף ל״ה)

## יעדע מטבע האט צוויי זייטן

די גמ׳ זאגט מטבע של אברהם זקן וזקינה מצד זה, בחור ובתולה מצד זה, אויך איז דא א אויסדריק ״ ז ור ״.

## יעדער איד האט זיך זיין פעקל

במדרש (ב״ר פצ״ג) אין לך אדם בלא יסורין, ובתדב״א זוטא פי״א, אין יסורין באין על ישראל אלא לטובתם ולאהבתם של ישראל.

אין די ספרי מוסר שטייט, ווען מ׳זאל ארויסשטעלען אלע פעקעל צרות פון יעדען באזונדער, וואלט זיך יעדער אויסגעוועהלט צו נעמען דאס אייגענע פעקל.

## יעדער בוך האט זיין אייגענעם שיקזאל

דער מקור שטאמט פון לשון הזוה״ק (נשא קל״ד ע״א) הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל, אין ס׳ תפארת יעקב (לבעל סגולת ישראל) בראשית, שטייט אויף דעם פסוק זה ספק תולדות אדם, אז מ׳זעט אמאל דער זעלבער מחבר וואס איין ספר איז אנגענומען שטארק און מפורסם איבעראל, און א אנדער ספר וואס ער האט געמאכט איז אינגאנצן נישט באקאנט, אויך אמאל ווערט א מחבר דערהויבן דורך זיין ספר און אמאל פארקערט, ווייל דאס איז אזוי ווי די תולדות אדם קינדער האָבן, אלס ווענדט זיך לויט די כוונה פון מחבר.

## יעדער האַרץ ליידט זיין שמערץ

ובלשון הפסוק (משלי י״ד י׳) לב יודע מרת נפשו.

## ירושה איז נישט קיין גליק

מקורו בירושלמי (ב״ב פ״ח ה״ב) כל מקום שנאמר מורשה לשון דיהא, הוא לשון כהה וספק, און דאס וואס ס׳שטייט אין פסוק מורשה קהלת יעקב, ווייל אויך ביים לערנען תורה האט ער פון אנהייב א סאך ספיקות וואס ער פארשטייט נישט קלאר ביז ער פלאגט זיך שטארק טרעפט ער אלעס מיט די טעמים ונימוקים.

## ישוב הדעת איז ווערד א פארמעגן

דאס ווערט געברענגט אין ס׳ אילנא דחיי, פ׳ תזריע, בשם אחד קדוש מדבר, מיט דעם לשון ״ישוב הדעת שוה ככל הון דעלמא״, און אזוי שטייט אויך פון הרה״ק ר״מ מקאברין זי״ע אין ס׳ אור לישרים, ליקוטים.

## כל זמן דאס ליכטעלע ברענט קען מען נאך פאר׳רעכטען

מרגלא בפומי׳ דהר״ר ישראל סאלאנטער זצ״ל דאס האט ער געהערט אמאל פון א שוסטער שפעט אינדערנאכט ווי ער זאגט דאס פאר זיין מיט׳ארבייטער, וכעין זה שטייט אין ילקוט שמעוני (קהלת סי׳ תתקע״ט) לויט די גמ׳ אין שבת קנ״א ע״ב, עשה תשובה עד שאתה בכוחך, עד שלא יכבה הנר תן לו שמן.

## כל זמן די אויגן זענען אָפען דארף א מענטש האָפפען.

ובלשון ירושלמי (ברכות ט׳ א׳) וכן בפס״ז ריש פ׳ אמור, כל זמן שאדם חי יש לו תקוה, ובגמ׳ ברכות י׳ ע״א, אפי׳ חרב חדה מונחת על צווארו אל ימנע עצמו מן הרחמים.

## כעס וחימה מאכט דעם מענטש פאר א בהמה

מליצת חכמים, ענליך איז דא א לשון אין מורה נבוכים (ח״א פ״ז) ״בהמה בצורת איש״.

## לא יחרץ געלט

דאס איז א אויסדריק ווען מען גיט איינעם געלט אזוי ווי אינטער׳שמירען מיט שוחד די רשעים פון די באהערדע כדי איהם שטיל צו מאכן, ע״ש הפסוק ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו, און זיין שכר האט ער באקומען אז די טריפה פלייש לכלב תשליכון אותו, דאס איז מדה כנגד מדה ער זאל נישט בילען. – צדיקים פלעגן זאגן, אדער וועט ער נעמען, אז נישט וועט ער איינ׳נעמען, א מיתה משונה.

## לא עלינו ולא עליכם

דער לשון הפסוק (איכה א יב) איז לא אליכם מיט א אלף, אין רש״י זאגט אויף דעם, ווען א מענטש איז מודיע זיין צער פאר אנדערע דארף מען איהם זאגען, ס׳זאל נישט קומען אויף דיר דעם צער וואס איז געקומען אויף מיר, עיי״ש פון

דעם ווייזט אויס אז דאס איז נאר ווען א מענטש איז אליין אין א צרה, אבער נישט ווען איינער דערציילט א צרה פון א צווייטען, דעמאלט דארף מען נישט זאגען, לא עליכם – אויך דער אויסדריק לא עלינו ווערט אינגאנצען נישט דערמאנט, ס'איז נאר א לשון הפסוק (שמות ט"ז ח) לא עלינו תלונותיכם כי על ה'.

א חידוש לשון האט מען געטראפען אין די הסכמה פון הגר"א זצ"ל אויף דעם ספר הלכה אחרונה, ווי ער שרייבט בתוה"ק, שאיננו בקו הבריא לא עלינו.

## לאנג געטראכט, און גוט געמאכט

ובלשון המדרש (ויק"ר ט' ג) המחשב דרכיו ומעשיו קודם לעשיתו שוה הרבה, שמביא טובה לעצמו, ובפיוט לכה דודי, סוף מעשה במחשבה תחילה, הרה"ק מקאצק זצ"ל האט געזאגט, דער מתון טראכט איבער זיין גאנג מיט ישוב הדעת וועגענדעם טוט ער נישט קיין שום זאך אין איילעניש, אבער דער עצל וואס איז פויל איבער'צו'טראכטען די זאך פאר ער טוט עס, וועגענדעם טוט ער אלעס אינדערשנעל אומ'אויסגערעכענט.

## לאנגע האָר, קורצן שכל

מאמר העולם, וכן הוא האמת, וועגענדעם האט שלמה המלך געהאט ווייניג האר, ווייל שערות איז די קטנות המוחין, און ביי שהמע"ה שטייט ויחכם מכל אדם, (כנסת ישראל, להרה"ג מסאדיגער זצ"ל, שמח"ת, דף נ"ו)

## לאַקס פיש

ס'שטייט אין מאור ושמש, ליקוטים, אין אונזער מדינה געפינט זיך א פיש וואס מ'רופט לאקס, דאס האט א סנפיר מער ווי א אנדערע פיש, און דאס איז דער מובחר ממיני הדגים, ס'איז דא אויף דעם א גרויסען שורש בתורה, עיי"ש, אין ס' דעת שלום (שאץ) בסוף קונט' דרכי שלום, שטייט, אז צדיקים הקודמים האבן מהדר געווען צו עסען שבת די לאקס פיש (סעמין), קען זיין דער טעם ווייל די לאקס פיש איז זייער שטארק און דאס שווימט שטענדיג קעגין דעם שטרום פון וואסער, און אז מ'טוט אלעס פארקערט פון די וועלט קומט אויס גוט.

## לאקשין

ס׳איז א מנהג ישראל צו עסען בליל שב״ק זיפ מיט לאקשין, ס׳שטייט בשם צדיקים דאס איז נוטריקין לא-קשין, ווי די גמ׳ זאגט, קשין מזונותיו של אדם, זענען מיר מרמז מיט דעם א בקשה ס׳זאל זיין לא קשין, נישט שווער.

אויך איז לק״ש ר״ת ל׳כבוד ש׳בת ק׳ודש, אויך די חלה פון שבת רופט מען קוליש, קל״ש איז די ר״ת לכבוד שבת קודש.

## לויט די חוצפה וואלט ער געדארפט זיין מער עושר

ובלשון הפסוק (משלי יח כ״ג) עשיר יענה עזות, אויך איז דא א שפריכ׳ווארט ״ דר ד ת ״ והיינו הך.

## לויטן שכל ווערט דער מענטש געלויבט, און לויטן טפשות ווערט ער פארשעמט

ובלשון הפסוק (משלי י״ב ח׳) לפי שכלו יהולל איש ונעוה לב יהיה לבוז. ובס׳ חזקוני בהקדמה כ׳ לפי שכלו איש יהלל, ולפי סכלו הוא יזלל.

## לינו פה, איז ווערד א פלוי

מקורו ברש״י, בלק (כ״ב ז) כשאמר להם לינו פה הלילה, אמרו אין בו תקוה, הניחוהו והלכו להם.

## ללו ביי

אזוי האט מען גערופען דעם שיר וואס די מאמעס זינגען פאר זייערע קינדער כדי זיי זאלן איינשלאפען, און דער ניגון באשטייט פון לו-לו-לו-לו, דאס איז פיר למדי״ן בנקודת שורק, איז דא וואס זאגן דעם באדייט, ללמוד ללמד לשמור ולעשות, און דער שורק קען זיין ברמז ע״ש הפסוק ואנכי נטעתיך שורק כולה זרע אמת.

## לעבערליך

מנהג בני ישראל צו עסען ביי די שבת׳דיגע סעודה לעבער׳ליך, צדיקים האבן געזאגט דאס איז לשון לעב-עהרליך, אויך אויף דעם מאכל ״פצעי״ וואס מ׳רופט זויערליך, מלשון זיי-עהרליך, און דאסווארט פצע׳י, איז די ר״ת ע׳מך י׳שראל צ׳ריכין פ׳רנסה. ובשם הרה״ק מליסקא זצ״ל אז פצעי וואס איז מאכל הרגלים איז מסוגל אויף השפעת פרנסה אויף א גאנצע וואך (ילקוט מאורי אור, ערך שבת, עמ׳ רפ״ד)

## לעקיש

דער מקור מיינט פארשפעטיקט, אויסגעשפילט, לשון יורה ומלקוש זאגט רש״י ולשון מלקוש דבר המאוחר, און די גמ׳ סנהדרין י״ח, אי בכיר ולקיש כחדא יינץ, אויך אין מדרש (קה״ר פ״ז מ״ה) שטייט, לקיש ליסטים בכיר לצלובים, דער שפעטסטער גנב איז דער ערשטער אויף די תלי׳, פון דעם נעמט זיך דער מאמר, סוף גנב לתלי׳, אויך איז דא א פתגם, , ש . מיט א גראם, ווייל דער בער לויפט נאך די בינען און נאך אנדערע חיות, און קען זיי נישט דערגרייכן.

## מאַך א מוציא

ס׳איז דא וואס זיינען מקפיד נישט צו זאגן ביי א חתונה ״מאך א מוציא״ ווייל ברית כרותה לשפתים, און כדי ס׳זאל מקוים ווערן, מצא ולא מוציא, (אלף כתב, סי׳ תתי״ד) אין ס׳ רבי עקיבא אייגער עה״ת, דף קמ״ד שטייט א מנהג אין פוזנא ביי א חתונה אוועק׳צו׳חאפען פון חתן די המוציא ווען ער שניידט די חלה, כדי ס׳זאל מקוים ווערן מצא ולא מוציא.

## מאך-חוב [מכאוב], איז איין ווייטאָג, מאך-חובות, איז אסאך ווייטאגן

במליצה לויט דעם ווארט מכאוב- מכאובות, שמערצן.

## מאַכט פון איהם חוזק

א אויסדריק ווען מ׳רעדט קעגען איינעם מיט א געלעכטער, -דער מקור שטאַמט פון פסוק (שמות י׳ ב׳) את אשר התעללתי במצרים, זאגט רש״י, שחקתי, און דארט זאגט דאך דער פסוק, ויחזק ה׳ את לב פרעה, אויך אויף דעם פסוק (במדבר י״ד מ״ד) ויעפילו לעלות אל ראש ההר, זאגט רש״י, לשון חוזק, און דאס איז דאך געווען א ליצנות, ווייל זיי האבן נישט געקענט מצליח זיין קעגן באשעפער.

## מאַניופאָל

שטייט אין ערוך אז דאס איז לשון יוני, אויף דעם וואס קויפט איין סחורה פון אסאך סחורים און פארקויפט דאס צוביסלעך ווייז, ממילא האט ער א מניופאל אויף די סחורה.

## מ׳דערקענט אין די באַקען וואס די ציינער קנאַקען

בדומה שטייט אין די גמרא (שבת קנ״ב ע״א) דוק בבכי ותשכח בניגרי, קיי גיט מיט די ציינער, וועסטו דאס געפינען אין די פיס טריט, דאס מיינט עסס אסאך וועסטו האבן כוח צו גיין, - אויך איז דא א פתגם ״ ר ״.

## מ׳וויינט און מ׳וואקסט

הרה״ק ר״פ מקאריץ זי״ע שרייבט, טרערן זענען די פסולת פון מוח, און אז דאס קינד וויינט ווערט דער מוח קלאָר, דורכדעם וועט ער ווערן מער קליגער, אין חובת הלבבות (שער הבחינה פ״ה) שטייט, דאס וויינען פון א קינד איז א וואונדער פון באשעפער, וואס דורכדעם צעגייט די פייכקייט פון מוח און ס׳ווערט צעלאזט און דאס קינד ווערט ניצול פון שלעכטע מחלות וואס דאס וואלט איהם געקענט ברענגען.

## מוחל טובות

ובלשון הגמ׳ (ביצה כ״ט ע״ב, ועוד) שקילא טיבותך ושדי אחיזרא, נעם דיר דיין טובה און וואַרף עס צו די דערנער, דאס מיינט, איך דארף עס נישט.

## מוטער

א מאמע, דער לשון ווערט דערמאנט אין מדרש רות פ״ז אות י״ד, עיקר מוטרי״ן לא היה לה.

## מ׳זאגט נישט "אָפּ" ביז וואַנען מ׳שפרינגט נישט אריבער.

דאס מיינט מ׳זאל זיך נישט גרויסן, און נישט פרייען, אויף קיין שום זאך, בעפאָר מ׳האט געענדיגט אלעס, ובלשון הפסוק (מלכים א׳ כ׳ י״א) "אל יתהלל חוגר כמפתח", דער וואס גארטעלט איין דעם שווערד צו גיין אין די מלחמה קען זיך נאך נישט בארימען אזוי דער וואס קומט שוין צוריק פון די מלחמה מיט א נצחון, און עפענט שוין אויף דאס שווער גאַרטל.

איז דא א שפריכ׳וואָרט "מ׳זאגט נישט אָפּ ביז מ׳איז אריבער דעם קלאָץ".

## מיאוס ומעות

א אויסדריק אויף א שידוך מיט א כלה מכוערות אדער א גרויסען נדן.

## מיט א דריי מיט די נאָז קען מען איינעם אוועק לייגען

דאס נעמט זיך פון לשון הפסוק כי באפם הרגו איש און אזוי איז דער פתגם העולם אויף א מענטש א בעל כעסן, און אויב מ׳פרעגט איינעם אויס׳צוג איבער א שידוך וכדו׳ און יענער גיט א דרייט מיט די נאז קען ער אנמאכען חרבנות, און דער פסוק זאגט, כי יגורתי מפני האף והחמה.

## מיט געגאנגען, מיט געפאנגען

ובלשון הגמ׳ (ב״ק צ״ב ע״א) בהדי הוצא לקיא כרבא, ביים אויסרייסען דעם דאָרען ווערט אויך געשלאגען די קרויט וואס שלעפט זיך מיט.

אזוי אויך אויב א צדיק טוט זיך באהעפטען מיט א רשע ווערט ער אויך באַשטראָפט מיט איהם אינאיינעם, אוי לרשע או לשכינו.

## מיט זיך אליין איז מען נאך נישט פאַרטיג

ובלשון הגמ׳ (ב״מ ק״ז ע״ב) קשוט עצמך תחילה, ואחר כך קשוט אחרים

## מיט לאנגע אויערן דערקענט מען אַן אייזעל, און דעם נאר מיט די לאנג צונג

מאמר העולם, מובא במשלי ישראל, ג״א תק״א.

## מיט ליגן קומט מען אָן ווייט, אבער נישט צוריק

ובלשון הפסוק (שמות כ״ג ז׳) מדבר שקר תרחק, וע״ד החידוד, מפני דבר שקר, תגיע רחוק – ולא תחזור.

## מיט פרעמדע הענט איז גוט קוילן צו שאַרן

מאמר העולם, א סמך צו דעם אין די תורה ביי יצחק אבינו, שטייט, ויחפרו עבדי יצחק-ויריבו, ויחפרו באר אחרת-ויריבו, ווילאנג ער האט זיך באניצט מיט פרעמדע הענד איז געווען מחלוקת, אבער נאכדעם זאגט דער פסוק, ויחפור באר אחרת, ולא רבו עלי׳, צום סוף האט ער אליין געגראבען א גרוב, און מ׳האט זיך מער נישט געקריגט, ויקרא שמה רחובות, והבן. (קרבן עני, פ׳ תולדות), ובלשון הפסוק (משלי ו׳ כ״ז) היחתה איש איש בחיקו ובגדיו לא ישרפנו

## מיט שמחה גייט מען ארויס פון יעדען קלעם

מאמר מהרה״ק רבי ר׳ בונם מפעשיסחא זצ״ל, ס׳ווערט דערציילט אז דאס האט ער געזאגט ווען ער האט געזען אמאל א איד וואס ער איז אריינגעפאַלן ל״ע אין וואסער און האט זיך שיעור נישט געהאלטן ביים דערטרענקען, האט ער איהם נאכ׳געשריגן פארגעס נישט צו גריסן דעם לויתן, און דער איד האט געגעבן א שמייכל און באקומען מוהט, ביז ער האט עפעס געטראָפן אין וואס זיך אנצוכאפן ביז ער האט צוגעשווימען צום ברעג און געראטעוועט געווארן, האט רבי ר׳ בונים געזאגט, כי בשמחה תצאו, דורך שמחה גייט מען ארויס פון אלע צרות (שיח שרפי קודש) .

## מיר וועלן מקבל זיין פני משיח צדקנו

דער מקור איז פון לשון רש״י עירובין מ״ג ע״ב, אין אליהו בא לא בע״ש ולא בעיו״ט מפני הטורח, פרש״י שמניחין צרכי שבת ״והולכין לקבל פניו״.

## מ׳מיינט נישט די דרשה נאר די בקשה

ובגמ׳ (נדרים ס״ב ע״א) לא יאמר אדם אקרא, שיקראוני חכם, רבי, זקן ויושב בישיבה, אלא למד מאהבה וסוף הכבוד לבוא- דער דובנער מגיד זצ״ל האט אמאל געזאגט כי דורש דמים אותם זכר, אויב איינער דרשנ׳ט צוליעב געלט, אותם זכר, מאכט ער זיי דעם עולם פאר א זכר, א משפיע, און ער זאל זיין דער מקבל. אויך איז דא א אויסדריק ״ [illegible] ״.

## מנוחה ברענגט חן, און חן ברענגט מנוחה

די דורשי רשומות געבן א סימן לרמז ״ונח מצא חן״ בעיני ה׳.

## מ׳נעמט זיך נישט אליין

ס׳שטייט אין ס׳ דברי ישראל כללי אורייתא אויף די גמ׳ גמירי מן שמיא מיהב יהבי, משקל לא שקלי, דאס מיינט, פון הימעל גיט מען אלעס, אליין נעמט מען זיך נישט גארנישט, כי ממך הכלל ומידך נתנו לך..

וע״ד אגב, הרה״ק ר׳ איציקל מפשעוואַרסק זצ״ל איז אמאל געווען פאר פסח ביי מרן רביה״ק מסאטמאר זי״ע, און דארט האבן די בחורים געקליבען די סאלאט פאר מרור, האט ער געבעטן דעם רבין ער זאל איהם געבן דערפון אביסעל, האט איהם דער רבי גענטפערט, מרור טיילט מען נישט, דאס נעמט מען זיך אליין, והבן.

## מען קען נישט קיין מענטש ביז מ׳האנדעלט נישט מיט איהם

די גמ׳ (עירובין ס׳ ע״ב) זאגט, א מענטש קען מען דערקענען ביי זיין בייטל, זאגט רש״י, ווען ער האנדעלט מיט מענטשען צו ער האנדעלט עהרליך, און דער רבינו חננאל זאגט אויב ער ווערט א עושר צו ער האלט זיך נישט גרויס.

הפנינים שער ההכרה, כ׳ דעת האדם נראה בעסקיו.

## מעססער- נעססער, באגלייטען-באלייטען

אין דזשיקוב האט מען שטארק מקפיד געווען צורעדען בלשון נקי, ולדוגמא מ׳האט נישט דערמאנט דאס ווארט שחור, מ׳האט נאר געזאגט, טונקעל, אויך האט מען נישט אנגערופן א סכין, מעססער, נאר נעססער, אויך האט מען נישט געזאגט באגלייטן, נאר באלייטן, אויך פסח באנאכט ביים פיוט, אדיר במלוכה, האט מען נישט געזאגט, לך אף לך, נאר לך גם לך.

הרה״ק רב״צ מבאבוב זצ״ל האט געזאגט אויף דעם א טעם לשבח, ווייל דאס ווארט שחור, שווארץ, קען אמאל געניצט ווערן לשם קללה אויף אידיש, און דאס ווארט מעססער דער אפטייטש פון סכין איז דער שורש פון סכנה רח״ל.

אבער אן-עססער מיינט לשון מאכלת וואס ווערט דערמאנט ביי די עקידה, אויף דעם זאגט רש״י דאס הייסט מאכלת, לפי שישראל אוכלין מתן שכרה, און דאס ווארט ״באגלייטן״ זאגט מען ווען מ׳באגלייט א בר מינן למנוחת עולם רח״ל, און דאס ווארט ״אף״ ווייזט אויף חרון אף, ווי די חכז״ל זאגן ארבעה פתחו באף ולא הצליחו וכו׳ (צל הקודש חג הסוכות)

## מ'קען צופלאַצט ווערן

אין פסוק (איוב ט ו') שטייט, המרגיז ארץ ממקומה ואעודיה יתפלצון, אויך אין תהלים (נ"ה ו) זאגט דער פסוק, יראה ורעד יבוא בי, ותכסני פלצות, אויך איז דער באדייט לשון מקום, פלאץ, ווי מ'זאגט ער שטעלט איהם אויף פלאַץ.

## מר ומרת - מיסטער און מיסיס

רש"י ברכות ט"ז ע"ב, ד"ה אבא פלוני, כעין שאנו קוראין עכשיו מר פלוני, מרת פלוני, כך היו רגילין לומר אבא פלוני ואמא פלונית.

## מרא דאתרא

דאס וואס מ'רופט דעם רב פון שטאט בשם מרא דאתרא, ווי די גמ' זאגט אז הקב"ה הייסט מלך הכבוד, ווייל ער איז חולק כבוד ליראיו, און אזווי הקב"ה הייסט מרא דעלמא און איז דער בעה"ב צו טיילן כבוד פאר די יראי ה', אזוי במלכותא דארעא, איז דער צדיק שבעיר דער מרא דאתרא, און די דינים קענען נישט שולט זיין אויף די שטאט אן דעם רשיון פון דעם מרא דאתרא, אבער צו דעם ברויך דער רב זיין עכ"פ א אוהב ישראל, און דן זיין די בני העיר לכף זכות, און נישט זעהן קיין שום שלעכטס אויף זיי, ווייל אז נישט איז ער אליין דער מקטרג אויף זיי ח"ו. (דברי ישראל כללי אורייתא, אות מ')

## מ'שטאַרבט נישט פון הונגער, נאָר פון בושה

מאמר מיוחס להרה"ג רבי ישראל מסאלאנט זצ"ל, ווען ער וואלט זיך מתגבר געווען אויף זיין כבוד, און זיך נישט געשעמט צו בעטן פון מענטשן צדקה וואלט ער נישט געשטאָרבען פאר הונגער, אין די גמרא (חגיגה ה' ע"א) שטייט, רבי ינאי זאגט אז מ'טאר נישט געבען צדקה פאר א ארימאן בפרהסיא, און איינמאל האט ער געזעהן ההוא גברא וואס האט געגעבן געלט פאר א ארימאן בפרהסיא, האט ער איהם געזאגט, בעסער וואלט שוין געווען ווען דו גיבסט איהם נישט, ווייל איצט אז דו האסט איהם געגעבן ברבים, האסטו איהם מיט דעם פארשעמט.

## נַא דיר א טרינק ברוינפען און גיי

עיין רש"י ירמי' ט"ז ח', ברש"י ישן, והובא בליקוטי צבי שיין שרף טוב לשתות בהליכה דוקא, וכן מובא במנהגי זידיטשוב.

## נאך א שריפה ווערט מען רייך

דאס ווערט געברענגט אין ס' אמרי פנחס להרה"ק ר"פ מקאריץ זי"ע בשם הבעשטה"ק זי"ע, און דער טעם לויט די גמרא אז א מענטש בעת צרה זאל ער מודיע זיין צערו לרבים כדי זיי זאלן בעטן פאר איהם רחמים, און ווען איינער האט געהאט א שריפה אין זיין הויז האבן מענטשען גרויס מיטלייד מיט איהם און זענען זיך משתתף בצערו מיט גרויס רחמנות, און די געגועים ווערן תפילות להשי"ת און דאס ברענגט א ישועה, אזוי אויך שטייט אין ס' דרך מצותיך להצ"צ ז"ל, בלשון שמעתי מפי קדושי עליון אז נאך א שריפה ווערט מען רייך, ווייל דער סדר פון די מדות זענען חסד דין רחמים, און נאך א מדת הדין פון א שריפה ווערט דערוועקט די מדת הרחמים וואס איז גרעסער ווי די מדת החסד פון בעפאָר.

## נאך דעם גאָרטן דער גערטנער- נאך די קעמלען דער לאַסט

כעי"ז בגמ' כתובות ס"ז ע"א, לפום גמלא שיחנא, אין מדרש ב"ר פ"א שטייט, לפום גנתא גננא, וכעי"ז לפום צערא אגרא, לפום תורא טבחא.

## נאַר בלייבט נאַר, און מקח בלייבט מקח

דאס זאגט מען אויף איינעם וואס האט געמאכט א שלעכט געשעפט, און אזוי איז די הלכה אין שו"ע חו"מ סי' רכ"ז – און די גמ' (סנהדרין ק"ג ע"א) שטייט, אמרי אינשי, בכיי לי' למר ולא ידע, אחוכי לי' למר ולא ידע, וויי לי' למר דלא ידע בין טב לביש.

## נאריש קעלבעל

ס'שטייט אין מדרש תלפיות (אות קע"ח) אז די קעלבעל איז דער קלענסטער חכם פון צווישן אלע בעלי חיים, און אויב מ'זאל איהם אראפ-שטעלןביים שפיץ באַרג, וועט ער גיין ווייטער און אראפ-פאלן, און גארנישט שפירן זיין סכנה פון גרויס טפשות, [און דאס איז דער וואונדער פון דעם עם חכם ונבון צו וועלן נעמען א עגל הזהב פאר זייער מנהיג, נאר אין אדם חוטא אלא אם נכנס בו רוח שטות]

## נארישקייט און שטאלץ, וואקסט אויף איין האלץ

ס'איז דא א מאמר החכם "כל שוטה גאה, וכל גאה שוטה" דאס ווערט דערמאנט פון הייליגן רבי ר' בער, דער גרויסער מגיד זי"ע, אין סו"ס מגיד דבריו ליעקב, ליקוטים חדשים, ובסו"ס קדושת לוי, שמועה טובה, ליקוטים שונים, אין ס' עשר אורות סי' כ' שטייט, הרה"ק מרוזשין ז"ל האט געזאגט פאר דעם אפט'ר רב ז"ל, פארוואס ביי משה רבינו ע"ה שטייט, והאיש משה עניו מאוד מכל האדם, און ביי שלמה המלך ע"ה שטייט, ויחכם מכל האדם, ס'איז דאך ידוע דער מאמר החכם, כל שוטה גאה וכל גאה שוטה, איז דאך ענוה מיט חכמה איינס, נאר משה רבינו איז געווען בחי' רב שמחל על כבודו, כבודו מחל, וועגענדעם ווערט ער געלויבט מיט ענוה, אבער שלמה המלך, האט זיך נישט געקענט האלטן ביי ענוה, ווייל מלך שמחל על כבודו, אין כבודו מחול, - אין אורחות צדיקים, שער הגאוה, שטייט א לשון הפתגם, "מי שמחזיק עצמו בחזקת דעתן, מחזיקים אותו בני אדם בחזקת שוטה.

## נבול תבול איז נישט קיין פרשה, ואתה תחזה איז א פרשה

דאס איז געווען מרגלא בפומי' דמרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע ווען מענטשען פלעגן קומען קרעטיקירען און זיך אפרעדען אויף פארשידענע זאכן וואס האט זיך אפגעטאן אין די קהילה ובמוסדות, והבן. (מפי השמועה)

## ניסלעך

דער רמ״א אין ה׳ ר״ה זאגט אז ס׳איז דא וואס זענען מדקדק נישט צו עסען ר״ה קיין ניסלעך ווייל אגוז איז בגמט׳ ח״ט, און אונזער מנהג איז דאס נישט צו עסען ביז שמע״צ, און דעמאלט באקט מען מזונות וואס מ׳רופט קינדלעך,

ס׳שטייט אויף דעם בדרך צחות, אז נאך כל נדרי ווי מ׳זאגט ״ונסלח לכל עדת בנ״י ווערט נשתנה דער שם ניסלעך אויף ונסלח, און דער חטא פון פריער ווערט נתהפך לטוב ונסלח.

## נישט איבערגיין א קליין קינד

אין שו״ת באר משה ח״ב סי׳ ל״ו שטייט אז מ׳האט אויף דעם מקפיד געווען מאז ומקדם, און שרייבט, כ׳געדענק נאך אז אויב איינער איז אריבערגעשפרונגען א צווייט קינד האט מען איהם געהייסען צוריק אריבערגיין, כדי ס׳זאל איהם נישט שאַדן צום וואקסן.

## נישט איבערציהען דאס שטריקל, עס קען זיך איבער׳רייסען.

ובלשון חכמים, שלא להפריז על המדה, דאס איז א כלל אין לעבן ביי יעדע זאך, נישט איינרייסן איבער די מאָס וואס פארלאנגט זיך, ובלשון הגמרא תפשת מרובה לא תפשת, תפשת מועט תפשת.

## נישט אריבערפירן א קינד דורכן טיש אדער דורכן פענסטער

דאס איז געווען א קפידא ביי די נשים זקינות בירושלים עיה״ק, (בנוהג שבעולם ד׳ קי״ד)

## נישט ביי מיר מאָטיע

א אויסדריק וואס מ׳באניצט אויף א מענטש וואס האלט זיך פעסט מיט זיין מיינונג און לאזט זיך נישט בייגן, דער מקור פון מגילת אסתר, ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה, והבן.

## נישט געזאגט איז אסאך געזאגט

ובלשון הפסוק (תהלים יט ג) אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם, בכל הארץ יצא קום, ובקצה תבל מליהם, ובגמ׳ (יבמות פ״ז ע״ב) שתיקה כהודאה דמיא, דער אויסדריק ווערט גענוצט ביים פרעגן אינפאָרמאַציע ביי שידוכים, צו געבן א גוטן ענטפער מיט שבחים און מעלות, ווייל אויב מ׳וועט שווייגן האט מען שוין אסאך געזאגט.

## נישט געשטויגען און נישט געפלויגען

דהיינו לא הי׳ ולא נברא, דאס איז א פתגם אויף די נוצרים וואס האבן געזאגט אויף דעם אותו איש ימ״ש אז נאך זיין טויט האט ער זיך צוריק אויפגעשטעלט פון זיין קבר אויף די פיס און ארויפגעפלויגען ווי א מלאך, און מיר זאגן להד״ם, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

## נישט דער מויז איז דער גנב, נאר די לאָך איז דער גנב

ובלשון הגמ׳ (קידושין נו ע״ב) לאו עכברא גנבא אלא חורא גנב, דער מדרש דערציילט (ויק״ר ו׳ יב׳) ס׳איז געווען א מדינה וואו מ׳פלעגט באפרייען די גנבים און הרג׳ענען די קבלנים וואס פלעגן איבער׳נעמען די גניבות פון די גנבים, און דער מושל האט פארשטיין געגעבן דאס געזעץ, ווייל אויב דער גנב האט נישט קיין מקום ווי צו פירן ווייטער זיין גניבה, וועט ער נישט גנב׳ענען, און דאס זעלבע זאגט די גמ׳ (פסחים קי״ח ע״א) אז דער מקבל לשון הרע איז ערגער פון דעם מספר, ווייל אויב ס׳איז נישטא ווער ס׳זאל איהם אויסהערן וואלט ער נישט דערציילט קיין לשון הרע.

## נישט שטעלן א קינד צום שפיגעל פאר די ציין קומען ארויס

אזוי שטייט אין ס' באר משה ח"ב סי' ל"ו אז די נשים האבן אויף דעם זייער מקפיד געווען, און ער שרייבט, וכן היו מדקדקין בבית הורי הק' זצ"ל, ובבית כמוח"ז זצ"ל, ווייל מ'זאגט אז די ציין וועלן דורך דעם נישט ארויס'קומען בזמנו, און דאס קינד וועט שפעט אנהייבן צו רעדן.

## נעכטען א מלאך היינט א גלח [שוטה]

מובא במדרש תנחומא, משפטים, עה"פ אם כסף תלוה

## ס'איז גיט זיך צו דרייען נעבן א עושר

מקורו בגמ' ב"ק צ"ג ע"א, אמרי אינשי בתר מרי ניכסי ציבי משוך, דאס מיינט, דו זאלסט דיך צושטעלן צו א בעל נכסים און איהם באדינען, וועט דיר אויך גיט זיין,

## ס'איז מיר אריין אין איין אויער, און ארויס פון די צווייטע

אין מדרש תנחומא, ויקהל, שטייט די פייכקייט פונעם אויער העלפט צו דעם קול ווען ס'גייט אריין פון איין אויער, ס'זאל נישט בלייבן שטעקן נאר ס'זאל ארויסגיין פון צווייטן אויער.

## ס'איז מיר אריין אין לינקן אויער

דאס מיינט אז דיינע ווערטער זענען נישט נתקבל געווארן ביי מיר, און דער פשט ווייל די שמועה גייט אריין אין דעם רעכטען אויער, און ס'גייט ארויס דורכן לינקן אויער.

## ס׳איז משה קאפויע [כפוער]

דאס מיינט אלעס איז פארדרייט, ס׳איז דא וואס זאגן אז כפיה זענען אותיות "היפך" בהיפך, אויך איז דאס וואס זאגען, "קופויע" בלשון פולני מיינט, קויף עפעס און דער גוי ביים יריד שרייט "מאשקע קאפויע" משה! קויף עפעס. — ס׳איז דא וואס זאגן אז דער מקור איז משה כפעור, דאס איז די ע"ז פון בעל פעור וואס דער קבר פון משה רבינו איז קעגן די ע"ז און איז דאס מכניע, און ביי דעם אויבער חכם איז אלעס פאר׳דרייט, ביי אים איז ח"ו משה כפעור.

## ס׳איז נישטא מיט וועמען צו גיין צום טיש

דער מקור איז אין סנהדרין כ"ג ע"א, נקיי הדעת שבירושלים לא היו נכנסים בסעודה אלא אם כן היו יודעים מי מיסב עמהם, אויך א וועקסלער ווערט אנגערופען "שולחני" שהכל מריצין לו מעות.

## ס׳איז נישטא קיין גלייכערס ווי א קרומער לייטער, און ס׳איז נישטא קיין קרומערס ווי א גלייכ-ווערטל.

מאמר החכם, המיוחס להרה"ק רבי נפתלי מראפשיץ זי"ע. ובזמנינו אלה לייגן צו די מגידים "ס׳איז נישטא אזוי א נארישע זאך ווי א סמאַרטפאָהן".

## ס׳איז נישטא קיין מלך אָן קיין מלכה

אזוי שטייט אין מדרש (איכה פ"ה י"ט) וכי יש ישיבה בלא כסא, ויש מלך בלא מלכה.

## ס׳איז שווער צו פאנגען צוויי הערשן מיט איין שפרונג.

מובא במאירי (משלי י"ז ז) בלשון, קשה מאוד להשיג שני צביים במרוצה אחת,

## ס׳ודים ס׳אמע ס׳עביע-פ׳לאטיס פ׳ריניימניע פ׳אלאווענא

ס׳איז געווען א מעשה, א דארפס איד האט געהאט א דו״ד מיט זיין חבר, און דאס בי״ד האט גע׳פסק׳נט יחלוקו, און ער האט נישט געוואלט מקיים פסק זיין ביז מ׳וועט איהם ווייזן ווי שטייט אין די תורה דער פסק, האבן זיי מסכים געווען צו גיין צו הרה״ק ר״מ מפרימישלאן זי״ע, האט ער ארויס גינומען א חומש, און געוויזען פארן דארפס איד ביים סוף פון די פרשיות, אמאל שטייט דריי מאל ס׳, און אמאל דריי מאל פ׳, האט ער איהם געזאגט, דא שטייט דיין פסק, די אותיות זענען ר״ת, ס׳ודים ס׳אמע ס׳עביע (דאס מיינט אפילו אויב דו זאלסט אליין באשליסען), פ׳לאטיס פ׳ריניימניע פ׳אלאווענע, דארפסטו באצאלען האטשע די העלפט), - דער דארפס איד איז זייער נתפעל געווארן ווי די תורה פסקנט זיין דין, און האט מסכים געווען, (ס׳ דברי מאיר, אות חכמה)

## ס׳וועט דיר נישט העלפן קיין פודנו ומצילנו

דעם פתגם טאר מען נישט זאגען, ווייל דאס שטאמט פון די משכילים רח״ל, ובאמת איז השי״ת אונזער פודה ומציל, ורב להושיע לחלצנו מכל צרה ומצוקה.

## סטאַראָסטי

בלשון יוונית רופט מען א שר ושופט פון די שטאט בשם ״סטאראסטי״, ס׳שטייט אין זוה״ק שמיני (דף ל״ז ע״א) אתער סנטירא לגבייהו לתפשא לון ולענשא לון, אויף דעם וואָרט סנטירא [סאנאטער בלע״ז] שטייט דארט בפי׳ דרך האמת, דאס מיינט דער שוטר העיר, ע״ש שסוטר בני האדם על לחייהם, ובלשון ערבי, סטאירי, עכ״ל, דאס איז לשון סטרו על פניו (ס׳ וילקט אברהם, ויוסף אברהם, אות קכ״ט).

## ס׳קריכט דיר ארויס פון די קישקע

תוס׳ מנחות דף ע׳, בשם רבינו גרשום מאוה״ג, דרך העוף קודם מיתתה שיוציא המעיים לחוץ, כי העופות אוכלים גזל כמו שפרש״י שצריכים בקרבן מין עוף להשליך מפני כן המעיים לחוץ. (אוצר יד החיים, אמרות)

## עס איז גוט, ברוך השם

ווען א איד באגעגענט זיין חבר און פרעגט איהם בשלומו, און ער ענטפערט איהם בשמחה, גוט, ברוך השם, אפילו אז באמת איז זיין מצב נישט אזוי גוט, דעמאלט זאגט דער רבש"ע דאס הייסט גוט, איך וועל דיר ווייזן און דיך צושטעלן צו דעם וואס איז באמת גוט, און איז זוכה צו אלעם גוטן, (שיח שרפי קודש, ברסלב, ח"ב אות ל"ב)

## עס איז עק וועלט

כעי"ז, באו מים עד נפש, כלו כל הקיצין, מסוף העולם ועד סופו. ובדרך צחות "כלו כל הקינצען".

## עס איז פאַרפאַלען ווי אין בראָד

פתגם העולם, ווייל בראד איז געווען א גרויסע שטאָט מיט אסאך מענטשען, און ווען איינער האט באנקראטירט איז ער אנטלאפען קיין בראד אז די שופטים ושוטרים זאלן איהם נישט קענען געפינען, (שיחתן של עבדי אבות, דף רל"ט)

## עס איז שוין נאנטער ווי ווייטער

אין פסוק שטייט, כרחוק מזרח ממערב הרחיק ממנו את פשעינו, טייטשען די ספרים, תשובה טאהן איז גרינג, מיט איין דריי שטייט מען שוין אויף די מזרח זייט.

## עס גיבט נישט קיין רויך אָהן א פייער

בלשון הזוה"ק (נח, ע' ע"א, ועוד) לית תננא בלא אשא [עשן תרגום תננא] די ספרים זאגן אויף דעם, תננא מיינט לערנען, צו לימוד התורה דארף זיין באש קודש.

## עס וועגדט זיך ווי דער חמור שטייט איין

ווייל חמרא האט צוויי אפטייטשונגען, אייזעל און וויין, און דאס וועגדט זיך ווי דער חמר שטייט איין, איז ער אין שטאל איז דאס אן אייזעל, איז עס אין א פאַס אין וויין קעלער איז דאס וויין.

## עס פאַסט ווי א יון אין די סוכה

ס'איז דא וואס זאגן אזווי אין רוסלאנד האט מען גערופען דעם גוי, איוואן דאס מיינט ווי קומט איוון אין די סוכה, אויך איז די כוונה לויט ווי די חכז"ל זאגן אז הקב"ה וועט בודק זיין די גוים דורך מצות סוכה, און וועט ארויסלאזן די זון מנרתיקה און זיי וועלן אנטלויפען, ממילא האט נישט דער גוי א שייכות מיט די סוכה, אויך שטייט אין ס' ש"ך עה"ת פ' אמור, אז מ'טאר נישט אריינלאזען א גוי אין די סוכה, ווייל דאס איז א צילא דמיהמנותא, און אזוי זאגט מען אויך אין יוצר ליום ב' של סוכות. ווידער איז דא וואס זאגן אז עמי הארץ האבן אין זייער סוכה איבערגעדרייט דאס ווארט נוי סוכה אויף יון סוכה.

## ער איז "חולה"

ס'שטייט אין ס' דברים נחמדים להבני יששכר זי"ע, דער מנהג ווען מ'רעדט פון א גוי זאגט מען "ער איז חולה" און ווען מ'רעדט פון א איד זאגט מען "ער איז קראנק" בלשון לע"ז אבער נישט חולה, ווייל די סגולה פון לשה"ק אז די זאך פון וואס מ'רעדט האט א קיום, און ביי א איד וויל מען נישט אז די מחלה זאל האבן א קיום, און וועגען דעם טעם שטייט אין די משנה בלשון תרגום, נגיד שמי' אבד שמי' וויבאלד מ'רעדט פון עונשים וויל נישט דער תנא ס'זאל האבן א קיום וועגען דעם זאגט ער דאס בלשון תרגום, און נישט בלשון הקודש.

## ער איז א היגער

דער מקור פון לשון הקודש להגר כאן, קומט אהער וואוינען, גר ותושב, ער קומט אהער פון די פרעמד, לשון מגורי אביו, עם לבן גרתי.

## ער איז א למך

דאס איז א אויסדריק אויף איינעם וואס איז א גוטישקער וואס בייגט זיך פאר יעדן, ער איז נכנע פאר זיין ווייב און פאר מענטשען בכלל.

דער מקור פון דעם ערשטן למך אין בראשית ד׳ כ״ד, זאגט רש״י אז למך האט אלעס גערעדט צו זיינע ווייבער בהכנעה זאלן מקבל זיין זיינע רייד. און זיי האבן געוועלטיגט אויף איהם, אויך האט ער געזאגט א קל וחומר של שטות. עיין רש״י שם.

## ער איז א מה׳יעשה׳ניק

בלשון הגמ׳ (ברכות לב ע״א) מה יעשה אותו בן שלא יחטא.

## ער איז אַרָאפ פון זינען

מחשבה הייסט אינזין האבען, אין די גמ׳ שטייט דער לשון סלקא דעתך אמינא, דאס מיינט ס׳איז עולה על הדעת, און איינער אן קיין שכל הייסט, ירד מדעתו.

## ער איז ארויס פון די כלים

דאס מיינט ווען א מענטש איז מלא התפעלות, און קען נישט איינהאלטען זיינע געפילען און גייט ארויס פון די כלים – ביי שאול המלך זאגט דער פסוק (שמואל א, י׳ כ״ב) ויאמר ה׳ הנה הוא ״נחבא אל הכלים״ זאגט רש״י, שהי׳ בורח מן הגדולה.

## ער איז שוין א עובר בטל

דאס זאגט מען אויף א חסר דיעה, אזוי ער וואלט שוין געווען א בן מאה, און די משנה זאגט (אבות פ״ה כ״ה) בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם.

## ער איז שיכור ווי לוט

די גמ׳ (עירובין ס״ה ע״א) זאגט, שיכור מקחו מקח וממכרו ממכר, ודינו כפקח לכל דבר, במה דברים אמורים אם לא הגיע לשכרותו של לוט, זעט מען פון דעם אז דאס איז שוין די גרעסטע מאָס שכרות.

ס׳האט אמאל א מגיד געפרעגט, פארוואס מ׳זאגט נישט שיכור ווי נח, נאר דער תירוץ איז, מילא נח אויף דער עלטער, האט שוין חתונה געמאכט אלע קינדער קען מען שוין זיך ערלויבען צו טרינקען אביסעל מער, אבער דער לוט וואס האט נאך געהאט טעכטער אין שטוב וואס ער דארף זיי חתונה מאכן, פאר אזוי איינעם פאַסט נישט זיך אנ׳צו׳טרינקען און ווערן שיכור.

## ער דרייט זיך ארום ווי א בער

די גמ׳ זאגט אין קידושין (ע״ב ע״א) דוב אין לו מנוחה, א בער האט נישט קיין מנוחה, זאגט רש״י אפילו ווען ער איז פארבונדען מיט א קייטל רוהט ער נישט איין נאָר דרייט זיך ארום און ארום.

## ער האט איהם געשטאכען פאר גארנישט

דאס מיינט ער האט יענעם ווי געטאן מיט זיינע שטעכעדיגע רייד אומזינסט, דער מקור איז א פסוק אין משלי (י״ב י״ח) יש בוטה במדקרות חרב ולשון חכמים מרפא.

## ער האט געשריגען אז די ווענט האבן געציטערט

מקורו במדרש רבה (תולדות פס״ אות ב׳) ויחרד יצחק חרדה גדולה בשעה שנכנס עשו אצל אביו נכנסה עמו גיהנם, רב אחא אמר התחילו כותלי הבית מרתיתים, די ווענט פון הויז האבן אנגעפאנגען ציטערען.

אויך איז דא א רמז אין פסוק (חבקוק ב׳ יא) כי אבן מקיר תזעק.

## ער האַקט א טשייניק

מקורו מלשון הגמ׳ (מנחות ק״ט ע״ב) אני מטיל עליו קומקום של חמין, ועיין ירושלמי פסחים פ״ו.

## ער וויינט ווי א זיבעלע

דאס מיינט ווי א קינד וואס איז געבוירען צו זיבן חדשים, און וויינט אסאך.

## ער וויינט מיט הייסע טרערין

אין שבט מוסר פי״א שטייט, טרערין פון געוויין איז ווארים, און פון שמחה איז קאלט.

## ער ווערט באצאלען ווי א טאַטע

בדרך הלצה, בדמיון מ״ש בגמ׳ ב״ק ה׳ ע״א, וכולן כאבות לשלם ממיטב. גם לסמך מ״ש בגמ׳ סנהדרין (ע״ב ב׳) הבא במחתרת, אם הוא אב על הבן אינו נהרג, מש״ה אם הזיק משלם, דדמים לו, נמצא שהאב משלם במקום שאחר פטור.

## ער חליש׳ט דערפאר

אין ס׳ יכהן פאר להרה״ג מבענדין זצ״ל (ח״ב ע׳ רי״ח) שטייט איבער די גמ׳ ביי מ״ת יומא קמא לא אמר ולא מידי משום חולשא דאורחא, ווייל די תורה הייסט דרך, און פון גרויס השתוקקות צו קבלת התורה זענען די אידן געווארן בחלשות, אזווי די וועלט זאגט, ער חלישט צו דעהם, און דאס איז געווען די התחלה.

## ער לייגט אריין די טומאה אין די יראה

ובלשון הגמ׳ (סוטה כ״א ע״ב) היכי דמי רשע ערום, זה המקיל לעצמו ומחמיר לאחרים.

## ער מאכט "א תל" פון זיך

דער מקור איז לשון הקודש ביי עיר הנדחת זאגט דער פסוק, והיתה תל עולם לא תבנה עוד, און דער תרגום זאגט, ותהי תל חריב, אין דעם אויסדריק מיינט מען צוזאגען דער מענטש מאכט פון זיך א חורבן, און לאזט נאך איבער א בערגעל וואס זעט זיך אָן

## ער רעדט שלא בדרא דאונא

דאס זאגט מען אויף איינעם וואס מישט אריין א פרעמדע זאך וואס האט נישט קיין שייכות מיט דעם ענין וואס מ'רעדט, דער לשון ווערט דערמאנט אין די גמ' חולין מ"ז ע"א, ובשו"ע ה' טריפות.

## ער שפרינגט ארויס פון די הויט

בלשון גמ' גיטין נ"ז ע"א, צבי זה אין עורו מחזיק את בשרו.

ובלשון בני אדם ווערט דאס געזאגט אויף איינעם וואס קען נישט איינזיצן און איז צולאזט און צופלויגען, אדער אויף א פעש'ן מענטש.

## פאַלטשע פיש

אין ס' וילקוט אברהם, תוספות רמ"ח אות ל', שטייט אז ס'איז א גלייכע זאך ווען מ'האט נישט קיין פיש אויף שבת, צו נעמען דאס ווייסע חלק פון בשר עוף און מ'קאכט דאס אויף מיט צוויבל און מ'רופט דאס פאלטשי פיש דאס איז אזווי מ'זאגט יוהכ"פ יהר"מ שומע קול בכיות, השי"ת הערט צו א איד אפילו ס'איז נאר א קול של בכי' ווייל זיינען דומה זה לזה, נאך א ראי' ווי רש"י זאגט אויף דעם פסוק, ויעלהו לעולה תחת בנו, על כל עבודה שעשה ממנו הי' מתפלל ואומר יה"ר שתהא זו כאילו היתה עשוי' בבני וכו', כי מכוונים הדברים, ווידער איז געווען צדיקים וואס האבן דאס נישט געלאזט רופן פאַלשע פיש, נישט מזכיר זיין א לשון של שקר.

## פאליטיק

דער לשון ווערט שוין דערמאנט אין די משנה תרומות פ"ב, מאכל פוליטיקין, ובפיה"מ להרמב"ם שהוא אנשים מעונגים בעלי עושר, במזונות רווחים. ובדרך צחות פאליטי"ק בגימ' כמנין עמל"ק, מ"ר ור"ם.

## פאָליש (בביהמ"ד)

לשון מפולש, אויך לשון כסוי, ועיטוף, עפר התפלשי, דאס מיינט דער ערשטער חצר ביים אריינגאנג פון ביהמ"ד צו פארדעקען דעם טיר פון היכל, מ'זאל נישט ארויסזעהן אויף אינדערויסן.

## פאר די גאנצע וועלט קען מען נישט יוצא זיין

ובלשון המדרש (אסתר רבה, סוף פס"ז) אין אדם יכול להוציא חובתו לכל העולם, שהרי לא נמצא טוב לישראל כמרדכי, וכתיב בו, ורצוי לרוב אחיו.

## פאַר'הייראַט

א שידוך געטאן, דאס איז לשון פארן הר"י א'ת, מקודשת לי, פאר די חתונה

## פארלוירענע צייט קומט נישט צוריק

במאמר העולם, הזמן הוא אבידה שאינה חוזרת, ובמדרש שמואל ה' כ"ג, ובבני"ש ניסן ד' א', אין אבידה כאבידת הזמן, וביע"ד ח"א דרוש ד', אין יקר בנבראים כמו הזמן.

## פאר'מיאוסט ווי א שפין

אזוי שטייט אין ילקוט שמעוני משלי סי' תתקס"ד, אין בכל השרצים שנואה כמו שממית.

## פארשטאנד קומט נימאַלט צוריק

פתגם אשכנזי, ובלשון בני אדם ״ ר ר ר ״ ובמבחר הפנינים א׳ ז׳, כתב, אבידת השכל אינה נמצאת. והמנח״א ז״ל כתב על אחד במכתב, ובוודאי לא היה בשעת חלוקת השכל, - אינטרעסאנט צו באמערקן א לשון הגמ׳ (קידושין ע״ט ע״ב) איבער שכל און חכמה, בלשון בקבה רבה או בקבה זוטא זאגט רש״י, לכל תלמידים נמדדה חכמה בקב קטן שיראים לסמוך על חכמתם, והאי מרבנן כיילי לי׳ חכמה בקבה רבה שפכו לו חכמה יתירה וסומך על בינתו להתיר ספק, עי״ש

## פאַשקעוויל

בלשון פתקא-אויל, א נאריש צעטיל, אָן אחריות און אָן א תוכן.

## פויגל-מילך

דאס איז אזאך וואס איז נישט בנמצא, ווי די גמ׳ זאגט אין מס׳ חולין קי״ג ע״א, יצאו עוף שאין לו חלב אם.

## פון א קשיא שטארבט מען נישט

ס׳איז דא וואס ווייזן אן דעם מקור פון די גמ׳ תענית ה׳ ע״ב, אחכז״ל יעקב אבינו לא מת, אין די גמרא פרעגט אסאך קושיות צום סוף זאגט די גמרא, מקרא אני דורש, זעט מען פון דעם אז פון א קשיא אויס שטארבט מען נאך נישט, והא ראי׳, יעקב אבינו לא מת.

## פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט ארויס

ובלשון הפסוק (משלי כא ה) וכל אץ אך למחסור, ובמבחר הפנינים ה׳ המתן ותנצל, מהר ותתחרט, פרי המהירות חרטה, ובלשון הגמ׳ (ברכות כ׳ ע״א) מתון מתון ד׳ מאה זוזי שויא, ובזוה״ק (האזינו דף רצ״ד) כל מילי דהוה בבהילו לא הוה בחכמתא שלימתא

## פון אייניציגע טראָפּען ווערט א גאנצער רעגען

ובגמ׳ (ב״ב ט׳ ע״ב) בעניני צדקה, כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול, ובדומה ר ׳ ז ת ז .

## פון דיין מויל אין גאט׳ס אויערען

ובלשון הפסוק (תהלים קט״ז ב׳) אהבתי כי ישמע ה׳... כי הטה אזנו לי, ובדניאל (ט׳ י ח) הטה אלקי אזנך ושמע.

## פון ווייניג פארדינסט ווערט מען נישט בדלות

מאמר העולם, ובלשון הגמרא (פסחים קי״ג ע״א) ״אדחלא אכרעך זבינך זבין״, ווי לאנג די שטוב איז נאך אויף דיינע פיס, ווען דו קומסט אהיים פון איינהאנדלען, פארקויף גלייך דיין סחורה ווייטער, און לאז דאס נישט ליגען ביז די פרייז וועט ארויפגיין.

## פון וכך הי׳ אומר ביז וכך הי׳ מונה ביקט מען זיך זיבן מאָל

דאס ווערט געזאגט אויף דעם וואס האט צוגעזאגט צו געבן צדקה, און מ׳מוז זיך פאר איהם ביקען און בייגען פיל מיט חנופה ביז ער באצאלט וואס ער האט צוגעזאגט, דער מקור איז ביי די סדר התפילה ליוה״כ צווישן וכך הי׳ אומר ביז וכך הי׳ מונה פאלט מען אפאר מאל כורעים – אויך זאגט מען בשם הגרי״ח זאננפעלד זצ״ל אז וועגן דעם שרייבט מען אין די תנאים אז א יעדער צד איז זיך מחייב כך וכך, פארוואס איז נישט געוונג איינמאל כך, דאס איז א רמז צו כך הי׳ אומר, און כך הי׳ מונה. אויך שטייט היום אומר לו עשה כך וכו׳.

## פון זאגן ווערט מען נישט טראָגן

מובא בשיחת הר״ן, און מ׳שטעלט צו בדרך הלצה דעם פסוק אין תהלים, לא ממדבר הרים, והבן, און איז מוסיף, דאס איז נאר פון דיבורים של מה בכך, אויב

אבער מ׳רעדט פון סיפורי צדיקים איז דא אינדעם א כוח וסגולה אויף פקידת עקרות ולזש״ק.

## פון חדר טאר מען נישט אויסזאגען

אזוי שטייט אין די גמ׳ (סנהדרין ל״א ע״א) ההוא תלמידא דנפיק עלי׳ קלא דגלי מילתא דאיתמר בי מדרשא, בתר עשרין ותרתי שנין אפקיה רב אמי מבי מדרשא, אמר דין גלי רזיא, וברש״י, ודבר לשון הרע הי׳.

## פון ליידיגע פעססער, איז דער געשריי גרעסער

ובלשון הגמ׳ (ב״מ פ״ה ע״ב) אסתירא בלגינא קיש קיש קריא, א מטבע אין א ליידיג קריגל הערט זיך קיש קיש, דער באדייט, א ליידיגער מענטש וואס ווייסט עפעס א דבר חכמה לאזט ער זיך הערן און גרויסט זיך דערמיט, ובמשלי (י״ד ל״ג) בלב נבון תנוח חכמה, ובקרב כסילים תודע.

## פון ניסן ביז ניסן, זאל מען פון קיין צער נישט וויסן

מאמר המורגל בפי הגה״צ רי״ח זאננענפעלד זצ״ל (אורך ימים, עמ׳ תנ״ג)

## פון נישט גיין האט מען נישט קיין חרטה

הרה״ק ר״פ מקאריץ זי״ע האט געזאגט אויף דעם מאמר, אז די אידען וואס גייען צו צדיקים, ת״ח ויראים ווי מ׳הערט ד״ת ועניני יראה, דורכדעם ווערט ער נתעורר און האט חרטה אויף זיינע חטאים, אבער די וואס זיינען זיך מונע און גייען נישט צו גוטע אידען, זיי האבן טאקע נישט חרטה, און בלייבן מיט די עבירות (חמדה גנוזה)

## פורים איזט אללעס פרייא

אזוי איז מען רגיל צו זאגן בלשון אשכנז א רמז וואס שטייט אין די ספרים בשם קדמון אחד ז״ל אז אין פורים ווערן נתגלה אלע אורות העליונים, דאס איז אויך דער טעם פארוואס מ׳צינד אָן פאַקלען בשעת קריאת המגילה, צו מעורר זיין בעובדא דלתתא די התגלות האורות מלעילא (חת״ס, שיר מעון, לפורים).

## פיזור הנפש

ס׳האט א חסיד מתפלל געווען, המקום יצילנו מפיזור הנפש, האט מען איהם געפרעגט וואס מיינט, פיזור הנפש, האט ער זיי געזאגט, דאס איז ווער ס׳האט פארמעגינ׳ס צושפרייט אויף אסאך מקומות און ער האט א פיזור הנפש צו טראכטען פון דא און דארט. (רע״ב פרקי אבות, פ״ב, משנה ח׳).

ובידוע מ״ש החת״ס, התיקון לפיזור הנפש לקיים פזר נתן לאביונים, ויבוא פיזר ויכפר על פיזור.

## פילוסופיא

תוס׳ שבת קט״ז ע״א, לשון פילא סבא, א אלטער לץ פול מיט געלעכטער.

## פיעניקס

דאס איז דער עוף החול וואס לעבט לאנגע יאָרן, ווי דער פסוק זאגט אין איוב וכחול ארבה ימים, זאגט רש״י, אויף דעם עוף החול איז נישט נגזר געווארען מיתה ווייל ער האט נישט טועם געווען פון עץ הדעת, און סוף פון טויזענט יאר ווערט ער צוריק אויפגעלעבט, פריש, יונג, ועיין במדרש ב״ר פי״ט ה׳.

און אויף דעם גייט ארויף די תפילה פון מוש״ק, זרענו וכספנו ירבה כחול, והבן.

## פלאָדין

ס׳שטייט אין ס׳ אור לשמים רמז נישואין, דער מנהג וואס ביי א סעודת נישואין מאכט מען א חלת לחם פון האניג און תבלין וואס מ׳רופט ״פלאדין״ ווייל דאס איז אותיות פל׳א ד׳ין, בבחי׳ שמאלו תחת לראשי וימינו תחבקני, כידוע אז די המתקת הדינים בשורשם דאס איז במקום הפלא, אותיות אלף, אלוף חכמה, אלוף בינה, און דארט ווערט אלעס נמתק, וועגענדעם גיט מען ביי א חתונה כל מיני מתיקה ווייל דארט ווערט נמתק אלע דינים, און ס׳ווערט רחמים גמורים.

## פערפעל -צימעס

אין ס׳ אמרי פנחס לרה״ק ר״פ מקאריץ זי״ע (שער השבת אות כ״ו) שטייט בשם הבעשטה״ק זי״ע צו עסן פערפעל צימעס אין שבת, [דאס ווערט טאקע אנגערופען, דעם בעל שם׳ס צימעס] ווי די גמ׳ זאגט כל שומר שבת מחללו, אל תקרי מחללו אלא מחול לו, וברמז אויף שבת ווערן די עבירות נמחל, און ס׳ווערט ״פאַרפאַלן״ און איז מוסיף אז דאס איז א רמז צו מדת הסתפקות אז מ׳דארף זיין צופרידען פון אביסעל אזווי פון א סאך ״פאר-פיל״.

אין ס׳ רזא דעובדא (עמ׳ כ״ז) שטייט אז הרה״ק ר׳ אליעזר וואלף מקרעטשניף זצ״ל האט מוסיף געווען, דאס איז לשון ״פארפאלין״ השי״ת מוז אונז העלפען, און דער לשון ״צימעס״ מיינט צום-עס, מוסיף צו זיין במאכלי שבת קודש. — ובס׳ מטעמים כ׳ שהוא לשון צומת הגידין, וברמז שהקב״ה מתאחד עם בני ישראל ע״י שבת קודש.

## ״פעמים שאתה צריך להתעלם״ איז א גרויסער יסוד

סיי אין חינוך, און אויך אין שלום בית, דהיינו אז מ׳מיז נישט אלץ באמערקען, צומאָל מאכט מען זיך נישט וויסענדיג. מאמר החזון איש, שאמר להראש ישיבת עץ חיים, ירושלים (מפי השמועה)

## פראָבירען גייט איבער שטודירען

דער מקור שטאמט פון לשון אין ס׳ עקידה, שער י״ד, אין חכם כבעל נסיון, וכ״כ בס׳ מאור עינים סו״פ נשא, ובשו״ת חת״ס יו״ד, כ׳ הנסיון הוא עד נאמן יותר מכל הסברות הבנויות על ראיות.

## פרייטאג צונאכטס

דער טעם פארוואס ווערט אזוי גערופען די נאכט פון שבת קודש, ווייל בענין שביתת השבת איז מען מוסיף מחול אל הקודש, נאך פון דעם פרייטאג׳דיגן טאג [ועיין ״שפייס צונאכט״].

## פרעגט נישט דעם רופא, פרעג דעם חולה

המקור בגמ׳ יומא ס״ג ע״א, אז דער חולה זאגט אין יוה״כ ער דארף עסען, און דער רופא זאגט, ער דארף נישט, הארכט מען דעם חולה, ווייל לב יודע מרת נפשו אזוי שטייט אויך אין ירושלמי, יומא פ״ח ה׳. אויך אין ס׳ מוסרי הפילוסופים, שער א׳ פ״י, שטייט, המנוסה יותר חכם מן הרופא.

## פרעמד ברויט רייסט אין האלז

ובלשון הגמ׳ (ביצה ל״ב ע״ב) כל המצפה על שלחן אחרים עולם חשך בעדו.

## צו א גוטן פריינד גיי ווייניג, צו א פיינד גיי גארנישט

ובלשון הפסוק (משלי כ״ה י״ז) הוקר רגלך מבית רעך פן ישבעך ושנאך, און מצודות דוד איז מפרש, מאַך דיינע פיס טייער און חשוב, נישט צו גיין שטענדיג צו דיין חבר׳ס הויז.

## צו בארשט ברויך מען נישט קיין צען

הגה״ק רא״ל ליפשיץ זצ״ל אדמו״ר מאפטא, האט געזאגט א כוונה אויף דעם, ווייל די גמ׳ זאגט בעשרה מאמרות נברא העולם, ובראשית נמי מאמר הוא, און דאסווארט בראשית בתיו גדושה קומט ארויס די אותיות בארש״ת, און דאס ליגט אין די הבנה פון דעם אויסדריק, צו בראשית דארף מען נישט קיין צעהן, נאר ס׳איז גענוג נאר ניין מאמרות און מיט בראשית איז צעהן. ועיין בעבי״ש אבות פ״ה מ״א, בראשית לשון ארשת שפתינו נמי מאמר הוא. (ס׳ יסוד לקרא, תולדות)

## צו יעדע סברא פארלאנגט זיך א חבר, א ידיד נאמן

מרגלא בפומי׳ של החת״ס זצ״ל מובא בשו״ת דמשק אליעזר סי׳ ק״ט בשם הגרש״ס זצ״ל

## צו פארשטיין די מחלה איז שוין א האלבע רפואה

כעין זה שטייט אין חינוך מצוה קנ״ב, בלשון: הלא לרופאים אין תחבולה עד היכרם עיקר המחלה, ובשלה״ק מס׳ יומא, דה״ח סי׳ רכ״א, כ׳ שאם לא ידע החולה מחלתו איך יבקש עליו רפואה.

## ציבעליש [בצלים]

הרה״ק מהר״א מסטרעטין זצ״ל אז בצלים בלשון אשכנז רופט מען ציבל״ש, דאס איז בר״ת י׳נחנו ב׳מעגלי צ׳דק ל׳מען ש׳מו, (ברכת אבות) - און הרה״ק ר״י מקאזמיר זצ״ל האט געזאגט אז בצלים איז לשון באצאלען, א רמז אויף שב״ק, הקב״ה אומר לוו עלי והאמינו בי ואני פורע. אויף דעם זאגט מען מוצאי שבת בלשון בקשה יזכר לך עתה אתמול אשר דברת.

## ציגעלע-מיגעלע-קאטענוי

אזוי האבן געזינגען די מאמעס פאר זייערע קינדער, זיי איינצושלעפען, אויף דעם איז דא א ביאור פון הגר״ח מוואלזשין זצ״ל אז דער מקור שטאמט פון תנא דבי אליהו ווי עס איז דא א מחלוקה צווישן תנאים איבער דעם וועג פון די גאולה, צו די קדושת ארץ ישראל וועט ווערן נתפשט לכל הגולה, אדער די בני הגולה וועלן קומען קיין ארץ ישראל, און מיט דעם ניגון ״צאו גולה-מגולה-כתנאי״, האבן זיי געוואלט ארייןפלאנצען אין די אידישע קינדער די אמונה פון די גאולה.

און בשם מהרי״ל דיסקין זצ״ל בקבלה מזקני בריסק, אז עס איז דא א מחלוקה אין חז״ל מיט וואס פאר א לשון וועט אליהו הנביא קומען מבשר די גאולה פאר אידן, צו וועט ער זאגן, צאו גולה, אדער צאו מגולה, והבן.

## צייט איז געלט- געלט איז צייט

דער חפץ חיים זצ״ל האט געזאגט, די וועלט זאגט, צייט איז געלט, און ממילא איז א שאָד אנ׳צו׳ברענגען די צייט אומזינסט, ווייל מ׳קען דאך פארדינען געלט אין די צייט, אבער באמת זאגט דער חפץ חיים אז ס׳איז פונקט פארקערט, ״ת ר , ר ש ״, ובכן איז א שאד צו פאַרפאַטשקען דאס לעבן פאר געלט וועגן. (ס׳ החפץ חיים חייו ופעליו בשם המשגיח ר׳ ירוחם)

## קאָ -קאָ - ריקאָ

דאס איז דער קול פון הינדל וואס שרייט יעדן צופריא, וברמז, מיט דעם וויל דער תרנגול אויפוועקען דעם מענטש פון שלאָפ, און בעט זיך ביי איהם, קא קארי קאי, שטייט אויף ווי א לייב, שטייט אויף, יתגבר כארי לעבודת הבורא (ס׳ ארי׳ שאג על מדות אות תתע״ו)

ולהוי ידוע אז דער סדר ביי די הינער הייבט אן צו קרייען בחצות הלילה ממש, קודם מיט א שטילע שטימע, און יעדע שעה קרייט ער נאך אמאל העכער און העכער ביז ס׳נעמט זיך טאָג׳ן און דער מארגנ׳שטערן שיינט אויף, אלס מיט דעם חשבון צו דערוועקען דעם מענטש פון שלאָף צוביסליך, (כנף רננים פרק שירה ד׳).

## קאָזשיליק

אזוי ווערט אנגערופען דער טאנץ לכבוד שמחת חתן וכלה, דהיינו מ׳דרייט זיך איבער מיטן קאָפ אראָפ און די פיס ארויף איינמאל און נאכאמאל און ווי ס׳שטייט אין מדרש (במ״ר פ״ד א״כ) האט דוד המלך אזוי געטאנצט לפני ארון ה׳, והי׳ מפזז ומכרכר וגו׳, א סמך צו דעם, ביי מתן תורה וואס ווערט אנגערופען ביום חתונתו, שטייט אין פסוק ומשה עלה אל האלקים, און ביי הקב״ה שטייט, וירד ה׳ אל הר סיני דאס איז עליונים למטה ותחתונים למעלה (שיחות הר״ן אות פ׳)

## קאך דעם פויער זיס און זויער און פויער בלייבט פויער

ובלשון המשלי (כ״ז כ״ב) אם תכתיש את האויל במכתש... לא תסיר מעליו אוולתו, אז דו וועסט שטויסען דעם נער אין א שטייסל, וועסטו דאך נישט אפטאן פון איהם זיין נארישקייט.

ובלשון הגמרא (מגילה ה׳) אי חקלאי מלכא להוי, דקולא מצוריה לא נחית, אויב דער פויער זאל ווערן מלך, וועט ער אבער דעם זאַק פון זיין האלז נישט אראפ׳נעמען, ווייל מיט דעם וואס מ׳איז געוואוינט אזוי בלייבט מען.

## קאַשע

ס׳איז דא א מנהג צו עסען אין שבת קודש א ווארים געקעכטס וואס מ׳רופט ״קאשע״, און ס׳ אמרי קדוש להרה״ק מסטרעליסק זצ״ל שטייט אז מיט דעם וואס מ׳עסט שבת קאשע, ווערט פארענטפערט אלע קושיות, און ברענגט בשם הבני יששכר אז שבת באטרעפט, קשי״א רפי״א, דאס מיינט אז שבת ווערט נמתק אלע שווריקייטען און ס׳ווערט דינא רפיא.

אין ס׳ דברי חנה (קאלשיץ) ח״ב עמ׳ ק״י שטייט בשם צדיקים אז אין דעם טשולענט איז דא יועך באנדליך קאשע, ר״ת י׳בק, י׳עננו ב׳יום ק׳ראנו.

## קהל ווערט נישט בדלות

מאמר העולם, אין עניות בציבור, וכעי״ז בירושלמי (גיטין ג׳ ד׳) לית ציבור כולי׳ מיעני, וכעי״ז בגמ׳ (שבת ק״ב ע״א) אין עניות במקום עשירות.

## קוואַטער

דער וואס ברענגט אריין דאס קינד צום ברית מילה, ס׳איז דא וואס זאגן אז דאס איז בלשון אשכנז, כ׳פאַטער, כמו פאַטער, אזווי זיין טאטע, אין דער אלטער-היים פלעגט דער קוואטער האבן א נאנטען קשר מיט דעם קינד דורך די יארן, געברענגט מתנות וכדומה פאר זיין קוואטער-אינגל והלואי שיהי׳ חוזר וניעור, און ס׳איז דא וואס שטעלן דאס צו פון לשון ״קוטר״ וואס ער איז אזווי דער סנדק, ווי המקטיר קטורת, און איז מסוגל צו עשירות.

אויך איז אנגענומען מכבד צו זיין מיט דעם כיבוד חשוכי בנים, אלס סגולה געהאלפען צו ווערן בזרע של קיימא.

## קום אַראָפּ

דער חתם סופר ז״ל האט מקפיד געווען ביי זיך אין הויז ווען ער האט געוואלט רופען איינער פון זיינע קינדער וואס איז געווען אויפן אויבערשטען שטאָק, נישט צו זאגן מיט דעם לשון ״קום אַראָפּ״ (ס׳ תומר דבורה, מנהגים פ״ב)

## קוקט ווי די בת היענה

די בת היענה האט זייער א שטארקען בליק, זי קוקט שארף אויף אירע אייער, און מיט די בליקן לעכערט זי דורך די איי און ס׳קומט ארויס א אפרוח, פון דעם קען׳מען זיך לערנען ווי ווייט מ׳דארף זיך אכט׳געבען אויף די אויגען וואס מ׳קוקט, (ס׳ קב הישר פ״ב, ש״ך עה״ת פ׳ שמיני). — אויך איז דא א אויסדרוק ״ז ו ר
רש ו ו״.

## קיגעל

ס׳שטייט אין רמ״א סי׳ רמ״ב בשם מהרי״ל דאס איז א זכר צום מן וואס איז געווען איבער׳געדעקט מיט טל פון אויבן און אונטען, ובדמז לשון ״כעיגול״ אזוי ווי דער מן וואס איז געווען עגול כגדיא, אויך איז דא א רמז אין די ר״ת וה׳מן כ׳זרע ג׳ד ל׳בן, כוגל.

## קידוש לבנה -קידוש החמה

ס׳שטייט אין שו״ת מהרש״ג סי׳ ה׳, אז דער לשון איז א טעות, מ׳דארף דאס רופן ״חידוש לבנה, חידוש החמה׳ אזווי דער נוסח הברכה, וללבנה אמר שתתחדש וכו׳ שהם עתידים להתחדש כמותה, אויך דער סיום הברכה, מחדש חדשים, ווייל דעם חודש האט דער בית דין מקדש געווען דוקא באטאג און נישט באנאכט, אויך איז דאס געווען ביום ל׳ און נישט שפעטער, ס׳איז נאר א זכר לקידוש החודש פון אמאל, און לגבי ברכת החמה האט בכלל נישט קיין זכר לשם קידוש, מען איז גאר נישט מקדש, ממילא דארף, מען דאס רופען, חידוש החמה, חידוש הלבנה.

## קיטל

אין ס׳ נוהג כצאן יוסף רופט ער אָן דעם קיטל וואס מ׳טוט אן פסח באנאכט בלשון ״סרגאות״ וואס דורכדעם וואס מ׳זיצט ווי א בן חורין קען מען צוקומען צו גאוה, טוט מען אָן די סרגאות, דאס איז סר גיאות, זיך צו דערמאנען דעם יום המיתה, אויך שרייבט ער אז קיטל איז לשון קטלא רמז ליום המיתה, די זעלבע כוונה אויך שטייט אין ס׳ כוננת מאז, מס׳ נדה, א טעם לשבח פארוואס די כלה קויפט פאר דעם חתן א קיטל און א טלית, אז אויב איר מזל ח״ו איז צו זיין א

קטלנית, ווערט מיט די מתנה נמתק די דינים, און ס׳ווערט נתהפך פון קטלנית אויף די אותיות ״תן קיטל, קני טלית״.

## קיינער ווייסט נישט וועמען דער שוך קוועטשט

ובלשון המדרש (קה״ר י״א) במזונותי אתה מסתכל, ובמצודתי אי אתה מסתכל, אין די גמרא ווערט א זיווג איש ואשה צוגעגליכן צו שיך, [קידושין מ״ט ע״א, מסאנא דרב מכרעאי לא בעינא], ווערט אויף דעם געזאגט בדרך צחות, ווען מ׳קויפט נייע שיך, פון אנהייב קוועטשט עס, די שיך מיט די פיס פּאַרטראָגען זיך נישט, אבער צוביסלעך ווען מ׳הייבט אן צו גיין אינאיינעם גלייכן זיי זיך אויס, און איינער בייגט זיך פארן צווייטען, דאס זעלבע איז ביי א פריש פּאָר פאלק, ושלום על ישראל.

## קיסר שניט

ס׳שטייט אין תוס׳ ע״ז י׳ ע״ב אז די רומים האבן געקרוינט א קינד וואס איז געבוירען דורך א קיסר שניט, אלס מלך, און דאס ווערט אנגערופן קיסר, לשון כתר, אדער כרות בלשה״ק, און אויף זיין נאמען הייסען אלע מלכים ווייטער בשם ״קיסר״ אויך צו באמערקען אין מלכים א׳ ז׳ טז אויף די ווערטער על הכותרת זאגט דער תרגום ״קרוניתא״ פון דארט שטאמט דאסווארט ״קרוין״ כתר מלכות.

## קישקע

אין ס׳ אוצר יד החיים אמרות אות חלול, שרייבט, מ׳האט איהם געפרעגט, פון ווי שטאמט דער מקור וואס די וועלט זאגט אויף א רונדע זאך וואס איז הויל פון אינעווייניג, בלשון ״קישקע, האט ער זיי אנגעוויזען אויף דעם פסוק אין דברי הימים (ב׳ כ״ו ט״ו) ויעש בירושלים חשבונות מחשבת, זאגט דער תרגום דרב יוסף ועביד בירושלים במחשבתא, קושק״י חלילא.

## קלאַפּ דעם אייזן ווילאנג ס'איז הייס [שמידט די אייזן ווילאנג עס גלוהט]

מקורו באבות דר"נ ט"ז עג, נגיד פרזלא כדרתיח, וביוסף לקח על מגילת אסתר דף ע', כ' בעוד הברזל חם, הלמו, וכעי"ז בגמ' סנהדרין ל"ג ע"ב, אדמוקדך יקיד.

## קלאַפּט זיך דעם קאָפּף אין די וואַנט

דאס ווערט דערמאנט אין ברטנורא סוטה פ"ג מ"ד בלשון "הטיח ראשו בכותל", אויף די גמ' (סוטה כ"ב ע"ב) המקיז דם לכותלים, זאגט רש"י, עושה עצמו כעוצם עיניו שלא יסתכל בנשים, ומתוך כך "מכה ראשו בכותל" והדם יוצא. אויך איז דא וואס שטעלן צו דעם פתגם צו די גמ' (חולין ל"ט ע"ב) ראשך והר.

## קלויז

אזוי פלעגט מען רופען די בתי מדרשים, דאס איז לשון "קהל'ס הויז", און חסידים רופען דאס ביהמ"ד בלשון "שטיבעל" דאס איז כדי ס'זאל נישט חל זיין אויף דעם די קדושת בית הכנסת, מ'זאל דארט קענען מאכן סעודות וקיבוצים (שו"ת דב"ח חו"מ סי' ל"ב).

## קליידער מאַכן לייט

דער מקור איז א גמרא (שבת קמ"ה ע"ב) אמרי אינשי במתא שמאי, בלא מתא תותבאי, ביי מיר אין שטאט בין איך באקאנט דורך מיין נאמען, און אויסער די שטאט ווער איך מכובד לויט מיינע בגדים, אזווי ס'שטייט אין חז"ל רי"ח קרי למאני מכבדותא, אין ס' חיי מוהר"ן סי' תקכ"ג שטייט, ווען א מענטש טוט זיך אָן א ניי מלבוש ווערט נשתנה זיין פנים און באקומט א נייע צורה און אפילו זיינע תנועות ווערן נשתנה דורך זיינע מלבושים.

## קנס-מאָל

הרה״ק ר״פ מקאריץ זי״ע זאגט אז ס׳איז א מנהג ישראל בשעת מ׳איז זיך משדך צו רופן קנס-מאהל, אדער פאר׳קנס׳עט, א רמז וואס דאס וואָרט קנ׳ס איז ר״ת קטיגור נעשה סניגור. (ס׳ גאולת ישראל דף כ״ג)

## קעלבענע אויגען

מקורו בגמ׳ בכורות מ״ד ע״א, ממון הפוסלים באדם, עיניו גדולות כשל עגל.

## קענסט שוין צוריק אהיים גיין

אין ס׳ דרכי צדק השלם, (סי׳ ג׳ אות ג׳) שטייט אז ס׳איז מקובל ווען איינער פאָרט אוועק און מ׳באגלייט איהם, זאל דער נוסע נישט זאגן פאר זיינע באגלייטער, איר קענט שוין צוריק אהיים גיין.

## קרובץ

בבית יוסף (או״ח סי׳ ס״ח) כ׳ שקרוב״ץ ר״ת ק׳ול ר׳נה ו׳ישועה ב׳אהלי צ׳דיקים,

## קרויט איז דער מלך המאכלים

מאמר העולם, ס׳איז געווען צדיקים ווען מ׳האט אריינגעברענגט די קרויט צום טיש האבן זיי זיך אויפגעשטעלט לכבודה של מלך.

הרה״ק משינאווע זצ״ל האט געזאגט אויף קרויט אז דאס איז א מאכל פון תלמידי חכמים, א ראי׳ צו דעם אז איך טייל שיריים פון קרויט שטרודעל פאר תלמידי חכמים, (ס׳ דברי יחזקאל החדש).

אין די גמ׳ ע״ז (כ״ט ע״א) רעכענט אויס צווישן די זאכן המרפאין את החולה מחליו ורפואתן רפואה, ואלו הן כרוב וכו׳, אויך איז דאס ידוע פאר די דאקטורים אז דאס העלפט פאר אלע מכות וחבורות פון דעם קערפער, און ס׳העלפט אויס׳צורייניגען דעם מאגען, אויך איז דא א רפואה בדוקה קעגין א רויז אויף די

פיס, צונעמען קרויט בלעטער און דאס ארומוויקלען אויף די פיס מיט א שמאַטע ס'זאל זיך האלטען, און אזוי דאס לאזען ליגען דורך די נאכט, ותראה נפלאות.

## קריכען אויף די הויכע פענסטערס

די כוונה צו וועלן אנקומען צו דעם מקום ווי די עשירים ונכבדים געפינען זיך, ס'איז דא וואס זאגן אז דאס שטאמט פון די גמ' (סנהדרין ק ע"ב) כל ימי עני רעים, בן סירא אומר אף לילות בשפל גגים גגו. זאגט רש"י אז דער דאַך פון עושר איז אויף די אויבערשטע שטאק, און דער דאך פון ארימאן איז אונטען.

## קרעפליך

די וועלט זאגט אז מ'עסט קרעפליך דעם טאג ווען מ'קלאפט, און האקט, וועגענדעם עסט מען געהאקטע פלייש. פורים קלאפט מען המן, הושענא רבא די הושענות, און ערב יוה"כ די כפרות, א שטיקל רמז, די אותיות "כרפלך" איז כפר לך, דאס מיינט די זמנים פון כפרת עונות, אויך ווייל דאס באשטייט פון פלייש איבערגעדעקט מיט טייג, ווייל אין א יו"ט עסט מען פלייש ווייל אין שמחה אלא בבשר, און די טעג איז נישט קיין געהעריגער יום טוב, וועגענדעם איז די פלייש פארדעקט.

## רבש"ע, גיב אונז און פארגיב אונז, און וויל נישט פון אונז

די תפלה האט געהייסען רבי ר' הירש מרימינוב ז"ל פאר די טאכטער פון רבי ר' מענדילע זי"ע אז זי זאל דאס איבערגעבען פאר די ווייבער, זאלן בעטן די בקשה ביי די תפילות ותחנונים. (בארת המים, בסופו)

## רח"ש געלט

רח"ש איז ר"ת ר'בנים ח'זנים ש'וחטים, דאס באצאלט מען פאר דעם שרייבן די תנאים און די כתובה, און סידור קידושין, אויך לייגט מען צו, ש'שדכן, וואס מ'דארף איהם באצאלען פאר דעם אויספירן דעם שידוך. וברמז רח"ש לבו דבר טוב, הרה"ק ר"נ מברסלב זצ"ל האט געזאגט אז צו באצאלן רח"ש איז מסוגל

לזש״ק, דאס איז די ר״ת פון ר׳חל ח׳נה ש׳רה, וואס זענען געווען עקרות, און געהאלפן געווארן מיט קינדער.

## רעב יוד

אזוי רופט מען איינעם וואס מ׳קען נישט זיין נאמען, זאגט מען אזוי בדרך כבוד, אינטרסאנט צו באמערקען די גמ׳ (תענית כ״ב ע״ב) בר רבי יוד, זאגט רש״י, חכם ששמו יוד, אויך אין דף כ״א ע״ב זאגט רש״י עיר ששמה יוד והוא קטנה, ע״ש שיו״ד קטנה באותיות.

אין ס׳ דברי מאיר, שיחות קודש, בשם הרה״ק ר״מ מפרימישלאן זי״ע שטייט א טעם פארוואס מ׳רופט א איש עברי בשם יוד, ווייל דער אות יוד איז קליין און קורץ, און אויב מ׳זאל נאך פון דעם אראפ׳קראצען א שטיקל בלייבט נישט מער ווי א פינטעל, א פלעק, דאס זעלבע אויב א איד לאזט נאך פון זיין אידישקייט אפילו נאר א קוצו של יוד, בלייבט איבער א שמיציגער פלעק, און נישט מער.

## רעד זיך איבער מיט אנדערע, און טוען זאלסטו ווי די אליין פארשטייסט

דאס שטייט אין רבינו יונה (משלי כ׳ י״ח) בשם אחכז״ל, מובא בבן סירא שיתין מלכין יהון לך ומלכא דנפשך לא תשבוק, זעכציג עצה געבער׳ס זאלסטו האבן, און דיין אייגענע עצה לאז נישט נאך, און ער גיט צו פארשטיין, קודם דארף מען זיך שואל עצה זיין מיט אנדערע אויב די זאך איז ריכטיג וואס ער וויל טאהן, ותשועה ברוב יועץ, צו קענען דערגיין אלע צדדים, אבער נאכדעם פארשטייט דער מענטש אליין צו מאכן דעם בעסטען באשלוס.

## שבת געלט

ס׳שטייט אין ס׳ שיחות הר״ן, דאס וואס מ׳גיט געלט פאר די טאנצערס ביי א חתונה און מ׳רופט דאס ״שבת געלט״, ע״ש הפסוק מלאכי צבאות ידדון ידדון, דאס מיינט טאנצער׳ס, ונות ב״ית ת׳חלק ש׳לל, ר״ת שבת, א רמז אויף שבת געלט, און ביים טאנצען איז מען עולה ויורד בגופו, אזווי ביי די מלאכים, ווי ס׳שטייט והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו. דאס איז אויך די כוונה פון דעם רבי ר׳ אלימלך׳ס טאנץ.

אין ס׳ מנהגי ישראל לנישואין שטייט, במנהגי פולין פלעגט מען אויסרופען אינמיטען טאנצען אז מ׳גייט מאכן א מגבית לטובת די וואס זענען זיך מטפל בשמחת החתונה, און מ׳האט געשריגען בקול שב״ס שב״ס, דאס איז ר״ת ש׳דכן ב׳דחן ס׳ערוויר, און יעדער האט צושטייער געגעבן מטבעות זהב וכסף, און פון דעם שטאמט דער מנהג צו שרייען שב׳ס געלד. און פון שב׳ס, איז געווארן שב׳ת.

## שטילע וואסערן גראָבן טיף

מובא בשפת אמת, ליקוטים, שמות ובשפת אמת, אבות הוסיף, זהו שאמרו חכז״ל ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה, ובמשלי ישראל, אות ג״א נ״ו, מים חרושים, עמוקים וקשים, ובלשון הפסוק (משלי כ׳) מים עמוקים עצה בלב איש, ואיש תבונות ידלנה, ויש מאמר בדומה, ״ר , ר ת רש ״.

## שיין ווי די לבנה

דער מקור אין שה״ש (ו׳ י׳) יפה כלבנה ברה כחמה, - ס׳האט אמאל א גדול געזאגט פאר א בחור וועם ער האט געוואלט נעמען פאר אן איידעם, די טאכטער איז קע״ה שיין ווי די לבנה קענסטו זי גיין מקדש זיין, וואס זאל איךווארטן ביז זיא רייזט ארום אויף די וועלט, בעסער נעם זי שוין ווען זי איז אינג און פריש.

## שיני בינה

אין ס׳ שלה״ק שער האותיות אות ק׳ שטייט אז די ל״ב נתיבות החכמה ווערט נשפע פון מוח ביז צו די 32 ציין וואס מ׳האט אין מויל, און דאס ווערט צוטיילט בצורה רוחניות, און יעדער צאָן איז מרמז לענין גדול, עיי״ש, אויך ביי די גוים איז דא דער אויסדריק פון א קליגען צאן, כידוע.

## שכל אן געלט ווי פיס אָן שיך, געלט אן שכל ווי שיך אן פיס

מאמר החכם, מובא במבחר הפנינים, (תוס׳ לשער ל״ו) בלשון, דעת בלא עושר כרגלים בלא מנעלים, עושר בלא דעת כמנעלים בלא רגלים

## שלומיאל [שלי-מזל]

דער חת״ס (אין די הקדמה פון סדר במדבר) שרייבט אז דאס שטאמט פון דעם וואס זימרי בן סלוא האט געהייסען שלומיאל בן צורישדי, און ער האט געהאט א שלעכט מזל, אז פנחס האט געהאט צוועלעף ניסים איהם צו קענן הרג׳ענען, לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום.

## שליסעל חלה

ס׳איז א מנהג בישראל ביים באקן די חלות דעם ערשטען שבת נאך פסח צו מאכן פון אויבען א צורה פון א שליסעל, שטייט אויף דעם אין אוהב ישראל להרה״ק מאפטא זצ״ל אז דאס איז א רמז, אזווי פסח איז ר״ה לתבואה און אלע טויערען פון הימעל זענען אָפען, איז יעצט די צייט מתפלל צו זיין ברמז אז השי״ת זאל פאר אונז עפענען די שערי פרנסה, ס׳זאל בלייבען אָפען א גאנץ יאר, און אויך ווען די אידן זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל שטייט אין פסוק, ויאכלו ממחרת הפסח מעבור הארץ, זיי האבן אנגעהויבען צו עסען פון די תבואת הארץ, האבן זיי געדארפט מתפלל זיין אויף פרנסה.

## שמיני שמונה שמינה

די וועלט זאגט אז אין א יאר ווען עס קומט אויס צו ליינען אַכט מאל פרשת שמיני, איז א סימן אז דאס וועט זיין א גוט פעט יאר (שנה טובה ושמינה), נאך מער פון דעם איז חשוב ווען ס׳קומט אויס אין א עיבור-יאָר ווען מ׳לייענט אַכט מָאל פרשת אחרי, מכח די קריאה פון יום הכיפורים וואס שטייט אין די פרשה. (דברי יחזקאל ליקוטים, פ׳ שמיני)

## שפיים צונאכטס

אזוי ווערט גערופען דער מוצאי שבת קודש, דאס האט זיך פאר׳טוישט פון לשון ׳שפעט צונאכט׳, צו לערנען אז מ׳זאל נישט מדקדק זיין ווען מ׳זעט דריי שטערינס צו מאכן גלייך הבדלה, נאר מ׳זאל אביסעל ווארטען און ארייגציען אין די נאכט, (ס׳ טעמי המנהגים אות תכ״ז, בשם ס׳ אבקת רוכל, כלל ג׳, פרט י״א). — מרן רביה״ק מסאטמאר זי״ע האט אמאל ביי א דינער אין ב״פ געזאגט אינמיטן די

דברות קודש, כ׳האב שוין געזאגט, שפייס צונאכטס...[דאס קען מען הערן אויפן בענדעל]

## שפינ׳האלץ

דער שבת פאר די חתונה ווערט אנגערופען שפינהאלץ אדער שפיעל האלץ, אין ס׳ נוהג כצאן יוסף שטייט אז דאס איז פארגרייזט פון דעם לשון ״שבן עלץ״, דאס מיינט אז דער בן החתן פרייד זיך, עלץ איז לשון שמחה. ועיין במג״א שו״ע או״ח סי׳ תקנ״א סק״ו, ובמחצית השקל הביא לשון ״פארשפיעל״. וכידוע אז דער קדיו״ט האט געזאגט פאר מרן רביה״ק זי״ע פאר זיין חתונה אז וועגענדעם רופט מען אן ביים שבת באווארפען בלשון ״פאָרשפיעל״ ווייל אין הימעל שפילט זיך פאָר די גאנצע חתונה נאך שבת בעפאָר.

## תבלה ותחדש, זאלסט עס געזונטערהייט צורייסען, און באנייען אסאך אנדערע

אזוי איז דער מנהג העולם צו זאגן פאר דעם וואס האט אנגעטאן א נייע בגד, דאס ווערט דערמאנט אין רמ״א, שו״ע או״ח סי׳ רכ״ג סעיף ו׳, און ער לייגט צו, אז ס׳איז דא וואס זאגן אז אויף נייע שיך אדער בגדים וואס איז געמאכט פון הויט פון בהמות זאל מען דאס נישט זאגן, ווייל מ׳וועט דאך דארפען הרג׳ן נאך א בהמה כדי ער זאל קענען באנייען נאך א בגד, און דער פסוק זאגט ורחמיו על כל מעשיו, שרייבט אויף דעם דער רמ״א אז דאס איז זייער א שוואכער טעם וואס האט נישט קיין פארשטאנד, מכל מקום מקפידים ע״ז שלא לאמרו, ע״כ.

# אידישע אויסדרוקן

**וואס דאָס וואָרט רעדט פאר זיך**

- א איד ביז צו די קעשענע.
- א אידישע קישקע קען מען נישט אונטער'שאַצן.
- א יונגער קען – א אַלטער מוז.
- א אלטער מענטש איז נאך נישט מחויב מיתה.
- א אפגעשפארטע זלאַטע איז בעסער ווי א פארדינטער רובל.
- א באבע דארף א פאַרטעך מיט גרויסע קעשענעס.
- א בויך סברא.
- א גאנצע נאכט אויסגעבעט און איין שעה גוט געשלאָפן.
- א גביר שלעפט מען מיט געוואלד אין גן עדן אריין.
- א גדול וואס מ'דארף איהם מעסטן איז דער קטן שוין גרעסער פון איהם.
- א געווארענער איז ערגער ווי א געבוירענער.
- א געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציינער.
- א גראָדער מעכיל.
- א האַרבע קשיא וואס האט נישט קיין תירוץ, איז די קשיא גופא דער תירוץ.
- א חכם פון די מה נשתנה.
- א טיר צו די גאס, ווי א פענסטער צום הימל.
- א יָא און א ניין, און א נישט.
- א יחיד קעגן קהל פארלירט אלע מאָל.
- א ליימענער גולם.
- א מענטש איז דאך פארט נישט מער ווי א מענטש [וברמז, אישי כהן גדול, והבן].
- א מענטש טראכט און דער באשעפער לאַכט.
- א מענטש קען פון זיך נישט אנטלויפן.
- א משכון פארזעצן און א נגיד זאל מען ווערן.
- א ערליכען מתנגד שטראפט מען מיט קינדער חסידים.
- א קאלטע לונג און לעבער.

- א קבצן איז א בעל צדקה אויף יענעמ׳ס קעשענע.
- א קוה איז געפלויגען איבערן דאַך.
- א קלאָץ מיט אויגן.
- א שוויגער דארף פארמאגען פיר ״ש״. שלינגען, שוויגן, שמייכלען, און שענקען.
- א שטוב מיט טעכטער איז גאר נישט קיין געלעכטער.
- א שטעקן האט צוויי עקן.
- אבי געפלוידערט.
- אויף דער הייסער מינוט.
- אויפגעהאנגען א שלאָס אויפן מויל.
- אויפגעשטאנען אויף די לינקע זייט.
- אז דער בויך איז פול איז דער קאפ דול.
- אז דער בעט איז א קבר, איז דער קבר א בעט.
- אז מ׳גייט גלייך פאלט מען נישט.
- אז מ׳דארף מעלקן די קי בייגט מען זיך אַראָפּ.
- אז מ׳האלט זיך פון אויבן פאלט מען נישט אונטן.
- אז מ׳וויל געבן א ריכטיגע מאָס מוז מען איבערגיסן.
- אז מ׳לייגט נישט אריין נעמט מען נישט ארויס.
- אז מ׳צוברעכט א פשט, ווערט פשעטלעך [מהפך פשטא, זקף קטן].
- אז מ׳קען נישט פארמאכן טאר מען נישט עפענען.
- אז ס׳דאווענט זיך איז עס געדאַווענט.
- אז ס׳טוט וויי שרייט מען.
- איין נאַר קען מער איינקויפן ווי צען קלוגע קענען פארקויפן.
- איינמאל איז שיין, צוויי מאל האט עס חן, דריי מאל ברעכט מען האלז און ביין.
- איינס איז קיינס.
- אין ברירה, איז א גרויסע גזירה.
- א-ל אדון על כל המעשים, איז א תירוץ אויף אלע קשיות.
- אליין איז די נשמה ריין.
- אלעס אינאיינעם איז נישטא ביי קיינעם.

- אלעס גייט כּאַדאַראָם.
- אלץ קען דער מענטש פארגעסן, נאר נישט צו עסן.
- אן אלטער תרח.
- אָן זאלץ און אָן שמאלץ.
- אננעמען א מויל פול מיט וואסער.
- אנשטעלן מויל און אויערן.
- אסאך זמירות און ווייניג לאקשן.
- ארויסגעזויגט פון פינגער.
- אריינגעפאלן אין שמאלץ גרוב
- אָרעם איז נישט רייך, קרום איז נישט גלייך.
- בודק זיין די ציצית.
- ביז צו די קרעטשמע דארף מען אויך א טרונק בראנפן.
- ביליג געקויפט, איז דאס פאַלשע סחורה.
- בלוט איז נישט קיין וואַסער.
- בעסער א מיאוסע לאַטע ווי איידער א שיינער לאָך.
- בעסער א רייכער שכן ווי א ארימער בעל הבית.
- גיי לערן אַן אלטן בער טאנצן.
- גיי פאַוואָליע וועסטו גיכער אנקומען.
- גיין טריט און טריט, און נישט קוקען אויף צוריק.
- געבראכן דעם קאַרג.
- געסטראשעט די גענז.
- גרויסע ווילן זיי אלע זיין, אבער קליין ווילן זיי קיינער נישט זיין.
- דאס אז די נאַראָנים האבן ליב זיס, דאס האבן די קלוגע אויסגעטראַכט.
- דאס הארץ ווערט צעריסן אויף שטיקלעך.
- דאס לעבן לערנט איינעם אויס.
- דורכן פענסטער זעט מען יענעם, דורכן שפיגל זעהט מען זיך.
- די גאנצע וועלט איז נישט ווערד א קרעכץ, אבער אז ס'טוט ווי שרייט מען.
- די האָר שטעלט זיך קאפויער.
- די וועלט דרייט זיך, איינער ווינט און דער צווייטער פריידט זיך, דער ווערט רייך און דער באגייט זיך, און די וועלט דרייט זיך.
- די זעלבע יענטע נאר אנדערש געשלייערט.

- די זעלבע כלה מיט אַן אנדערן שלייער.
- די מעשה האט שוין א לאנגע באָרד.
- די נארישקייט אפילו עס געלונגט, איז עס דאך נאר א נארישקייט.
- די נקודה דארף זיין מרובה על הכתב.
- די נשמה ליגט איהם אויף די שפיץ נאָז.
- די פיס איז מיר פאַרשלאָפן.
- די שווערסטע מסכת איז מסכת מדות.
- דער ארימאן איז גערן אז ער בלייבט ביים קרן.
- דער ברען פון ווארט קען מען נישט אַראָפּשרייבן דאס מוז מען אליין ארויסבאקומען.
- דער הָלוך ילך׳ט נישט.
- דער וואס וויל אלעס וויסן ווערט גיך אַלט.
- דער וואס וויל זיין א עהרליכער איד, דער איז.
- דער וואס טויג נישט אויף ״נישט״, טויג נישט אויף ״יא״
- דער וואס פארנעמט נישט קיין אָרט, האט שטענדיג אָרט.
- דער וועלער איז בעסער ווי דער קענער.
- דער יסוד פון א איד, פון זיך נישט ארויסקוקן, און יענעם נישט אריינקוקן.
- דער מענטש דארף זיין א מאמין אין בורא און א חוקר אויף זיך.
- דערלאנגט ביז דער זיבעטער ריפּ.
- האנדלשאפט איז נישט קיין ברודערשאפט.
- האסט געלערנט תורה, וואס האט די תורה דיך געלערנט.
- האסטו! ביסטו!
- האקט ווי אין קרויט.
- הימעל און ערד האבן געשוואורן, אז קיין פארבארגענע זאכן זאלן נישט ווערן פארלוירן
- הפקר פעטרישקע.
- וואס מ׳טאר נישט, טאר מען נישט, און וואס מ׳מעג אייל זיך נישט.
- וואס מ׳קען נישט דערלאנגען זאל מען נישט פארלאנגען.

- וואס ס׳וועט זיין מיט כלל ישראל, וועט זיין מיט ר׳ ישראל
- וואס ס׳פאַלט איהם איין בויעט ער, און וואס ער בויעט פאַלט איין
- וואס עס ווילט זיך דאס גלייבט זיך.
- ווי אזוי מ׳וויגט איינעם איין, אזוי וויגט ער זיך אויס.
- ווי א קינד פאַלט לייגט א מלאך אונטער א קישעל.
- ווי דער פאַר׳יעריגער שניי.
- ווי דער שוואַרצער פעפער וואקסט.
- ווי שוועמלעך נאך א רעגן.
- ווי תורה ווי חכמה.
- ווייזט איהם דעם גראָבן פינגער.
- וויינט ווי א תם, שטויסט ווי א מועד.
- ווילסטו פיל האסטו גארנישט.
- ווען דער נאר וואלט נישט געווען מיינער וואלט איך אויך געלאכט.
- ווען ס׳ווערט ליידיג די קרוג קומט דער קריג.
- ווער ס׳איז פויל, האט נישט אין מויל.
- ורב כמה שנאמר רבבה, דער רב זאגט וואס די רעבעצין זאגט.
- זיבן זוהן ברענגט א שטוהל אין גן עדן.
- זיך אויסגעלאָזט א בוידעם מיט א קלאָץ.
- זיך געלייגט אין די לענג אין די ברייט.
- זמירות דארף זיך זאגן, איז עס נאר געזאגט, איז עס געזאגט אויך נישט.
- חאַלעמאָק.
- חובות זענען נישט קיין טובות
- יעדער איינער לעבט ביים צווייטן און פריידן.
- יעדער טעפל האט זיין דעקל [שטערצעל].
- יענעמ׳ס צרות קען מען גרינג אריבער׳טראָגן.
- כ׳וועל איהם לערנען בלק.
- לאזט זיך נישט שפייען אין די קאַשע.
- לערנען תורה, דינען דעם בורא, און פון קיינעם נישט קיין מורא.

- מ׳דארף נישט אויפטאָן, און נישט אפטאָן, און נישט נאכטאָן, אויך נישט זיין פאַרטאָן, נאר טאן און טוהן, און נישט זיך מיינען.
- מיט וואס פאר א פנים מ׳קוקט איינעם אָן אזא פנים האט ער.
- מיטן באשעפערס הילף און דעם רבינ׳ס כוח, און די אייגענע צוויי הענט און פיס.
- מעפר אתה ואל עפר תשוב, אינמיטן א טרונק בראָנפן.
- מ׳קען נישט ארויפזעצן א פרישן קאפ.
- מ׳שטארבט נישט פון הונגער, נאר פון בזיונות
- נויט ברעכט אייזן.
- נישט ארויס נישט אריין, קען קיין ערגערס נישט זיין.
- נישט געזאגט, איז שוין אסאך געזאגט,
- נישט קענען איז נישטא, נישט וועלן איז פאַרהאַן.
- נע ונד, ר״ת נישט עסן און נישט דאווענען.
- נעמט איהם אויפן צימבל.
- נעמט ארויס דעם דם התמצית.
- ס׳איז אַראָפּ א שטיין פון הארץ.
- ס׳איז דורכגעלאפן א שווארצע קאַץ.
- ס׳איז פאָלג מיך א גאַנג.
- ס׳ברענט איהם אונטער די פיס.
- ס׳גייט איהם מיט דעם פיטם אַראָפּ.
- ס׳גייט איהם מיטן פוטער אַראָפּ.
- ס׳גייט ווי מצה וואסער.
- ס׳האט איהם געקאָסט א מאַיאָנטעק.
- ס׳ווייסט קיינער נישט, ווען מען מארגן ס׳איז.
- ס׳טויג נישט צו וועלן אלעס וויסן.
- ס׳ליגט מיר אויפן צונג.
- ס׳לייגט זיך אויפן שכל.
- ס׳פעלט איהם א שראַפעל.
- ס׳קלאַפט איהם א צאָן נאך א צאָן.
- עס וועט טויגן ווי באַנקעס צו א טויטן.
- ער איז א עגאאיסט.
- ער איז נישט קיין מלופים קינד.
- ער האט א ברייטע קעשענע.

- ער האט איהם אין בוזעם טאש.
- ער האט געהערט קלינגען און קען נישט נאכ׳זינגען.
- ער האט געמאכט א יד אחת.
- ער האט פייגעלעך אין קאפּ.
- ער זעצט ווי א בעקער.
- ער לויפט ארום און זוכט זיין ריפּ.
- ער לייגט נישט צו קיין פינגער אין קאלט וואסער.
- ער מיינט נישט די הגדה נאר די קניידלעך.
- ער עסט אויף ביידע באַקן.
- ער פארגינט זיך נישט דאס לעבן.
- ער קריכט אין זיבעטן הימל.
- ער רעדט מיט באק ציינער.
- ער שאָקעלט איהם ארויס פון דעם אַרבל.
- ער שלאגט זיך מיט די דיעה.
- פאַניע בראַט.
- פאר א מטבע שפרינגט מען ארויס פון די הויט.
- פארן רעדן ביסטו בעל הבית אויפן וואָרט, נאכן רעדן איז דאס וואָרט בעה״ב אויף דיר.
- פאַרקאָכט א קאַשע.
- פון בייזע לייט זאל מען שטייט אין די זייט.
- פון דיין מויל צו גאט׳ס אויערן.
- פון וואס חלומ׳ט א גאנז, פון האָבער.
- פון נישט וויסן ביז ווייסן איז ווייטער פון וויסן ביזן טאָהן.
- פון תענוג לעבט מען נישט, פון צרות שטאַרבט מען נישט.
- פורים איז נישט קיין יו״ט, און קדחת איז נישט קיין קרענק.
- צוויי וואס ווייסן דעם אמת, דער רבש״ע און דיין ווייב.
- צוזאגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט נישט.
- צום רבש״ע האט נאך קיינער נישט צוגעלייגט.
- קיינער ווייסט נישט פאר וועמען די שיך קוועטשט.
- קינד און קייט.
- קליינע קינדער טראגט מען אויף די הענט, גרויסע, אויפן קאפּ.
- קעלבערנע אויגן.
- קראנק פארביי און עסט פאר דריי.

- קריכט אויף די נערוון.
- שטיל ווי א לעמעלע.
- שטעקט אריין די נאָז איבעראל.
- שיטן זאלץ אויף די וואונדן.
- שלום האַלט די וועלט און מחלוקת בוייעט די וועלט.
- שניידן אין זיבעטע ריפּ.
- שעמט זיך נישט אין ווייטן האלז אריין.
- תורה איז די בעסטע סחורה.
- תורת לאקשן.

# היינו דאמרי אינשי

## שפריך ווערטער און אויסדרוקן פון דער אלטער היים

## איבער ארעמע און רייכע-געלט און געשעפטן

- א איד איז א גרויסער בעל צדקה, פאר א גוט מארגן, גיט ער אפ א גוט יאהר.
- א איד ביז צו די קעשענע!
- א איד גיט זיך א עצה. מיט א קלאפ אויף די פלייצע, און א גוט ווארט, און ער איז שוין באזארגט.
- א איד האט אנגעזעצט, און אנטלאפן קיין ארץ ישראל, האט ער געזאגט ביי די מוסף שמ״ע, ומפני חטאנו גלינו לארצינו.
- א אידישע קישקע און א אידישער קרעכץ, איז נישט אונטער צו שאַצן.
- א אלטער קבצן קריכט די שטיגען, און קרעכצט זיך אונטער: וואלט איך געווען א מלך, וואלט איך ארויס מיט א גזירה, אז אלע עשירים מוזן וואוינען נאר אויף די אונטערשטע שטאקן.
- א אפגעשפארטע זלאטע איז בעסער ווי א פארדינטער רובל.
- א אקס פאר א גראשן, אבער דער גראשן איז נישטא.
- א באבע דארף א פאַרטיך, מיט גרויסע קעשינעס.
- א געוואַרענער איז ערגער ווי א געבארענער.
- א געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציינער.
- א זאטער קען דעם הונגעריגן נישט פארשטיין.
- א מאדנע זאך, צולעכערט זיך די שיך, קומט אריין דאס וואסער, צולעכערט זיך דער פאַס, גייט ארויס דאס וואסער.
- א מחבר ווען ס׳דריקט איהם, דריקט ער, און ער ווערט פון א מפסיד, א מדפיס, עת ספו״ד, עת רקו״ד.
- א מענטש פיל מאהל, איז שטערקער פון אייזן און שטאָל.

- א עושר איז ער נאך נישט, אבער די חוצפה האט ער שוין.
- א פערד פארט קיין לייפציג, קומט פון לייפציג, און פערד בלייבט פערד.
- א צוואה פון א ווין סוחר: עט'ס זאלט'ס וויסען קינדערלעך, אז ווין קען מען מאכן פון טרויבן אויך.
- א שווער בייטעל מאכט א לייכט געמיט.
- א תפילה פון א איד, משען ומיטוואך לצדיקים, זעה רבש"ע אז אויף מיטוואך, זאל כ'שוין האבען וואס כ'דארף אויף שבת.
- אדער נעמסטו אדער גיבסטע.
- אויף די עוסקים בצרכי ציבור באמונה, בעט מען דער רבש"ע זאל זיי באצאלן, אויף די אנדערע דארף מען נישט בעטן, זיי נעמען זיך אליין.
- אויף יענעמ'ס בארד, איז גוט זיך צו לערין שערן.
- אז דאס מויל איז זאַט, איז די מעל ביטער.
- אז די האסט נישט קיין אתרוג, וואס דארפסטו א פושקע.
- אז די קאץ איז נישטא, טאנצן ארום די מייז.
- אז מ'איז פויל, האט מען נישט אין מויל.
- אז מ'מאנט ירושה געלט, צאהלט מען קבורה געלט.
- אז מ'קוקט זיך נישט איהם מיט די אויגען, דערלייגט מען מיט די קעשענע.
- אז מ'קען נישט אריבער מוז מען ארונטער, אז מ'קען נישט ארונטער גייט מען אריבער לכתחילה אריבער!
- אז מ'שיקט א נאַר אויפן מארק, פרייען זיך די קרעמער.
- אז מ'שמירט פאָרט מען.
- אז מ'שערט די שאף, ציטערן די לעמעלעך.
- אז מ'שפארט נישט דעם גראשן קומט מען נישט אן צום רענדל.
- אידישע געשעפטען, איז געגליכן צו די ספירה, ווי מער מ'ציילט, ווערט אלץ ווייניגער.
- איין גמרא ווערט פארענטפערט מיט די צווייטע, פארוואס שטייט, עשיר יענה עזות? ווייל די חכמים זאגן, דרך ארץ קדמה

לתורה, און אן קיין תורה לערנט מען יענעם דרך ארץ.

- איינער האט קיין אפעטיט צום עסען, דער אנדערער האט קיין עסען צום אפעטיט.
- איינער וויינט אז די פערל זענען שיטער, און דער אנדערער, אז דאס לעבן איז איהם ביטער.
- איך בין שולדיג? דו ביסט שולדיג, אז דו האסט מיר געבארגט.
- אין לי איז זייער א גוטע טענה, אבער קודם מוזט איר באלייגן.
- אל תגזול דל כי דל הוא, גנב'ע נישט פון איהם אוועק דעם דלות, ווייל דאס איז אלעס, וואס ער פארמאגט.
- אליין, איז די נשמה ריין.
- אלץ אין איינעם, איז נישטא ביי קיינעם.
- אם שלש אלה לא יעשה לה, אז מ'קען נישט דרייען, ויצא חנם אין כסף, איז קיין געלד נישט.
- אמאל איז מען שטארקער ווי אייזן, און אמאל שוואכער ווי א פליג.
- אן געלט איז קיין וועלט.
- אפגערעכענט איז האלב באצאלט.
- ארבייטן מיט די האנד, איז גארנישט קיין שאנד.
- ארעם איז קיין שאנד, אבער קיין כבוד אויך נישט.
- באַצאָלט באקום איך נאר אויף וואס איך ווייס, ווען מ'זאל מיר געבין געהאַלט אויף וואס איך ווייס נישט, וואלט רוטשילד'ס פארמעגן נישט געווען גענוג דערפאר.
- בארגן און נישט צאלן, קומט מען אן צום בל תלין.
- בארגן זאלסטו ווינטער, און באצאלן זומער, ווייל דער טאג איז לענגער, וועסטו האבן מער צייט צום באצאלן.
- בארגן מאכט זארגן.
- ביז צו די קרעטשמע, דארף מען אויך א טרינק בראנפען
- בעסער ביים קלוגען צו פארלירען, ווי איידער ביים נאר צו געווינען
- בעסער גיט און א ביסעל, איידער שלעכט און א פילע שיסל.

- בתר עניא אזלא עניותא. אין די שטאט בארגט מען איהם נישט, ווייל מ׳קען איהם. און אונטערוועגנס, ווייל מ׳קען איהם נישט.
- גאלד לייכט ארויס פון די בלאטע
- גיי זיך נאך נישט קיין בייטל.
- גיסט נישט אויס די אומריינע, פאר די האסט די ריינע.
- געלט איז בלאטע! ומאשפות ירים אביון.
- געלט איז קיילעכדיג, אמאל איז עס דא און אמאל דארט.
- געלט געקאסט, און פון שטאט ארויסגעווארפן.
- געלט פארענטפערט אלע וועלט׳ס קשיות.
- דאס נארישקייט איז געלונגען, און ס׳איז דאך א נארישקייט.
- דארט ווי די הונט בילן, דארט איז דא א יישוב.
- די אייער ווילן זיין קליגער ווי די הינער.
- די ברכה פאר א פארשטעלטן עושר, הוה גביר לאחיך, זאל דער ברודער מיינען אז דו ביסט א גביר.
- די גאנצע וועלט איז א חלום, ס׳איז נאך אלץ בעסער א גיטער ווי א שלעכטער.
- די גאנצע חלה איז אוועק אויף די המוציא.
- די גרויסע קייען, די קליינע שפייען.
- די ניין מאס געלט ליגט טאקע ביי ראטשילד, האט ער דען באקומען אויך ניין מיילער צום עסען? אדער ניין העלזלעך צום טרינקען?
- דיא נייע תקנה נישט צו לאזען שנארין, איז גאר א אלטע, דאס שטאמט נאך פון די וועד ארבע הארצות, סדום ועמורה אדמה וצבוים.
- דעם ארימאן איז גרינגער ארויסצוזוימען דעם חמץ, ווי אריינצוברענגען דעם פסח.
- דעם ארימאן גייט אלעמאל קאפויער, האט ער שוין א מכה, האט ער נישט קיין צוויבל, טרעפט ער שוין א צוויבל, מאכט׳סך איהם נישט קיין מכה.

- דעם ארימאן גייט אלץ גוט אויף די וועלט, מאכט דער עושר א שמחה, גיט ער איהם, מאכט ער אליין א שמחה, באקומט ער ווייטער.
- דער ארימאן איז נעבעך א געבענטשטער, ער פארמאגט ביי זיך אלע ארבעה בנים, כי לא לחכמיי״ם לחם, לוה רש״ע ולא ישלם, כי ת״ם הכסף, און אויך דעם שאינו יודע לשאול, ער האט שוין נישט פון וועם צו בארגן.
- דער ארימאן זאגט צום עושר: געלט האב איך נישט, אבער עצות קען איך אייך געבן, אויב אזוי, זאגט איהם דער עושר: גיט׳ס מיר א עצה, ווי אזוי כ׳וועך פטור פון אייך.
- דער ארימאן פרעגט דעם קארגן עושר, לאמיר זאגין אז דו ביסט א בן-נח, וואס איז נהרג על שוה פרוטה, ער האט דאך אבער געהאט 3 קינדער, צו וואס האסטו דיר אויסגעוועהלט? צו זיין פונקט, דער חם?
- דער וואס האט די מאה האט די דיעה.
- דער וואָרעם זעעצט זיך אריין אין כריין, און מיינט אז ס׳איז נישטא קיין בעסערס.
- דער חכם דרייט זיך ביים עושר, ווייל ער פארשטייט איהם, אבער דער עושר דעם חכם נישט.
- דער חשבון איז צדק, און די קעשענע איז געשעדיקט
- דער מגיד רעדט זיך אפ, ביי איהם אין יאר, פעלט א חודש, ס׳איז נישטא קיין כסלו, טרעפט ער אן עשירים איז דא א כי״ס אן א ל״ב, טרעפט ער ארימלייט איז א לב אָן א כיס.
- דער מלמד גרויסט זיך: וואלט איך געווען א ראטשילד, וואלט איך געווען רייכער פון איהם, כ׳וואלט נאך אנגעהאלטן דאס מלמדות פון די זייט.
- דער מענטש איז נישט צום דערקענען, ביז דו האנדלסט נישט מיט איהם.
- דער מענטש טראכט, און דער באשעפער לאכט.
- דער עושר וועט שנעלער געבן פאר א קראנקען ארימאן, ווי פאר א געזונטען תלמיד חכם, ווייל דאס וויל ער נישט ווערן,

און דאס וועט ער סיי ווי נישט ווערן.

- דער קארגער עושר וויל זיך נישט לאזען קאסטען, פאר א גדר אין בית החיים, ער זאגט, ס'איז איבעריג, די טויטע קענען נישט ארויסגיין, און די לעבעדיגע ווילען נישט אריינגיין
- דער רמב"ם אליינס וועט נישט געוווּג זיין פארן לחם משנה, און אפילו מיטן מגיד משנה, מוזטו נאך אלץ צוקומען צום כסף משנה.
- דריי פערד פארמאג איך, און אלע דריי זיינען למדנים, איינער האט אנגענומען, יהרג ואל יעבור, דער צווייטער פסקנ'ט, שומע כעונה, און דער דריטער איז אויפגעקומען מיט א נייע סברא, שב ואל תעשה עדיף.
- האנדלשאפט איז קיין ברודערשאפט.
- וואס ביליג איז טייער און וואס טייער איז ביליג.
- וואס מ'באקומט גיך פארלירט מען גיך.
- וואס מ'האט וויל מען נישט, און וואס מ'וויל האט מען נישט.
- וואס מ'נעמט זיך נישט אליין, האט מען נישט.
- ווי איידער אנצוקומען צום בעסטן מענטש, בעסער זיך צו ווענדן צום "אין כאלוקינו".
- ווי איידער צו זארגן וואס ס'וועט זיין מארגן, שוין בעסער צו פאר-רעכטן וואס ס'איז געווען נעכטן.
- ווי לויפסטו? כ'לויף נאך די פרנסה, אפשר גאר אנטלויפסטו דערפון.
- ווי ס'איז איבעריג דארט פעהלט.
- ווילסטו וויסן די סדרה פון די וואך? ביי מיר גייט אסאך סדרות, כי תצא למלחמה, די ווייב. תזריע, די קינדער. בלק, דער נדן. וילך, די געשעפטען. נצבים, די וועקסלען. ויגש, דער דיין. וישב, מ'זיצט און קרעכצט. מקץ, ס'איז עק וועלט. ויחי, דאס איז נאך די איינציגסטע האפענונג.
- ווילסטו נישט מ'זאל דיך שטערן, קומט א עושר, בעט איהם א

גמילות חסד, קומט ווידער ארימאן, בארג איהם אפאר רובל, וועסטו האבן מנוחה פון ביידע.

- ווילסטו פארלירען דיין געלט? דינג דיר ארבייטער׳ס, און זיי נישט מיט זיי. ווילסטו פארלירן אויך דיין געזונט? דעמאלטס זיי יא מיט זיי.
- ווען א אידעל זינגט א לידעל, ווערט פון ביטער גוט, גאר גוט.
- ווען די אויגען זאלען נישט זעהן, וואלטען די הענד נישט גענומען
- ווען נעמט איבער די פרוי דעם מאן׳ס נאמען? נאך די חתונה, און ווען נעמט איבער דער מאן די פרוי׳ס נאמען? נאכן אנזעצן.
- ווער ס׳גיט לעבן, וועט אויך געבן צום לעבען
- ונתנו, מאכט צוריק אויך, ונתנו, אויך והכהו גייט אויף ביידע זייטן
- זאל זיין פון קאזאק, אבי צום לעבן.
- זאלסט האבען אסתר׳ס חן, און שלמה׳ס חכמה, און קרח׳ס אוצר.
- טאמיר איז ביי אידען שוין יא אמאל א סדר, פרעגט מען מה נשתנה
- יעדער לעבט ביים צווייטן אין פריידן.
- יעדער שטעקן האט צוויי עקן.
- יתרו, מיט די זיבן טעכטער, האט געהאט זיבן נעמען, ווייל ביי יעדע׳ס קינד, נאך די חתונה האט ער געמוזט טוישן דעם נאמען.
- לויט דיין חכמה, וואלסטו געמעגט זיין א גרעסערער עושר
- לייג זיך ווי א לעמעלע, הייב זיך אויף ווי א לייב.
- מ׳דארף אסאך בעטען, און אז מ׳בעט העלפט ער.
- מ׳דארף טוהן, און טאהן, און מ׳טאר נישט אָפטוהן, און מ׳מוז נישט אויפטאָן.
- מ׳זאל נישט געפרובט ווערין, מיט וואס א מענטש קען זיך אלץ געוויינען.
- מיט געלט פארשטאפט מען די וועלט דאס מויל.
- מיט פרעמדע הענט איז גוט, צו שייערן קוילען.

- מיטן באשעפערס הילף, און דעם רבינ׳ס ברכה, מיט די אייגענע צוויי הענד און פיס.
- מיין נשמה איז אויך נישט קיין ראָזשינקע.
- מילא דאס פארמעגין, זאל זיין א כפרה, אבער ווי איז מיין חכמה פארשווינדען.
- מ׳לעבט נישט פון נחת, און מ׳שטארבט נישט פון צרות.
- מ׳עסט נישט מיט צעהן מיילער.
- מעפר אתה ואל עפר תשוב, און אינדערמיט מאכט׳ס א לחיים.
- מער שוחטים ווי הינער.
- מקח בלייבט מקח, און נאר בלייבט נאר.
- מ׳שטארבט נישט פון הונגער נאר פון בושה.
- נאך א נס אז אונזער רב פאַסט א יעדען שני וחמישי, אז נישט וואלט ער פון זיין געהאַלט, געקענט אויסגיין פאר הונגער.
- נישט אפגעבען, מאכט א בייז לעבען.
- נישט געקענט שרייבען און לעזען, און פארט א מייסטער געווען.
- נעבין א שווערן וואָגען איז לייכט צו גיין צו פוס.
- ס׳איז אמת! מיר זיינען קרובים א שני בשני, אבער דאס געלד מיט מיר, איז א ראשון בראשון
- ס׳איז בעסער אסאך דאגות, ווי איין דאגה
- ס׳טוט זיך גארנישט אליין, מ׳דארף א סאך טאהן, ביז ס׳טוט זיך.
- על שלשה דברים העולם עומד, אויף דריידלעך און דריידלעך, אם שלש אלה לא יעשה לה ויצאה חנם אין כסף.
- פארוואס הייסט א ארימאן א געזונטער ארימאן? ווייל ער עסט זיך נישט איבער אין שבת מער ווי א גאנצע וואך.
- פארוואס ווען דער הונט רייסט זיך מיטן חזיר, חאפט ער איהם אן ביים אויער? ווייל ער זאגט איהם שטיל אין אויער, דו, וואס דו ביזט יא אזוי רייך, דאס רייכסטע פון יעדן, פארוואס ביסטו אזא שווין?
- פוילע פיש, הונדערט שמיס.
- פון אביסעל מיט א ביסעל ווערט א פיל שיסעל.

- פרעגן קאסט קיין געלט נישט.
- פרעמד ברויט רייסט אין האלז.
- צו בארשט דארף מען נישט קיין ציינער.
- צו גוט איז אויך נישט גוט.
- צוזאגן און ליעב האבן קאסט קיין געלד נישט.
- צום רבש"ע דארף מען זיין א אייביגער בעטלער.
- צום רבש"ע האט נאך קיינער נישט צוגעלייגט.
- קאָך דעם פויער, זיס און זויער, און פויער בלייבט פויער.
- קורח׳ס פארמעגן איז אומשאצבאר, ווייל ס׳איז אלץ באגראבן.
- קיינער איז נישט אזוי ארעם, זאל נישט קענען צוזאגן.
- קיינער זאגט נישט איי, אויב ס׳טוט איהם נישט וויי.
- ר׳ אברהם׳לע בטלן זאגט: צו פארשטיין גוט דעם מאגען אברהם, מוז מען האבן דערצו דעם מחצית השקל.
- שכל איז א געשאנק, געלט איז א געשאנק, וואויל איז דעם וואס דינט מיט די געשאנקען דעם וואס האט עס איהם געשענקט.

# שפריך-ווערטער און אויסדרוקן פון דער אלטער-היים

## איבער שידוכים און שדכנות

- איינס מיטן דריטן, איז נישט קיין מחותן.
- א שיין פנים, קאסט מזומנים.
- דער ערשטער, איז דער בעסטער.
- דאס עפעלע, פאלט נישט ווייט פון די ביימעלע.
- וואס מ׳קען וויל מען נישט, און וואָס מ׳וויל קען מען נישט.
- וואס מ׳קען נישט דערלאנגען, זאל מען נישט פארלאנגען.
- נישט געקלערט, נישט געטראכט, און דער שידוך איז געמאכט.
- פון א אלטן בחור ווערט א יונגער-מאן און פון א אלטע מויד א יונג ווייבעל.
- אויף א אייגן קינד, זענען עלטערן בלינד.
- עלטערן זאלן זייער קינד נישט לויבן, ווייל קיינער וועט זיי נישט גלויבן.
- דריי זאכן זוכט מען אין א שידוך הי׳ הוה ויהי׳.
- לויטער מעלות איז דער גרעסטער חסרון.
- וואס ס׳איז באשעהרט, דאס ווערט, לויט די ווערד!
- אויך א חסרון? די כלה איז צו שיין!
- דאס אידישע חן, איז אומעטום שיין!
- וואס ס׳וועט זיין מיט אלע, אזוי וועט זיין מיט די כלה.
- ווי קלענער דער עולם, ווי גרעסער די שמחה.
- א שטוב מיט טעכטער, איז גאר קיין געלעכטער.

- א חתן מאכט זיך א הארץ און האלט זיך פריילעך.
- מיט א שלעכט ווייב אויף א יריד, און מיט קליינע קינדער אויף א חתונה.
- קינדער האבן איז שווער, דערציען זיי נאך מער!
- א מאמע האט גלעזערנע אויגן, א באבע מעשענע!
- נישט אלעס וואָס גלאנצט, איז גאלד, און נישט אלעס וואָס איז גאלד, גלאנצט.
- אין יעדן ליגענט ליגט אביסל אמת, אבער נישט אין יעדן אמת מוז מען צולייגען אביסל ליגענט.
- דער ניין נאך יא, איז ערגער ווי דער יא נאך ניין.
- א אשת חיל בויעט מיט'ן קאפ און די הענד.
- א אשה רעה, בויעט מיט'ן קאפ און צוברעכט מיט די הענד.
- דער טאטע איז געטריי, ווען די מאמע איז דערביי.
- א באבע דארף א פארטאך מיט גרויסע קעשענס.
- מ'וויינט און מ'וואקסט!
- רעדן איז א טאלאנט, צו שווייגן דארף מען פארשטאנד,
- א מאמע דעקט איבער דעם מאנ'ס בזיונות, און דעם קינד'ס חסרונות.
- א חתן איז ווי א א אתרוג, מ'זוכט און מ'נישטערט, וואכן לאנג, מ'הייבט עס און דרייט עס זיבן טעג, דערנאך פארלירט עס דעם גלאנץ, און ס'ווערט געמאכט, פאר איינגעמאכטס.
- א שידוך פון אזוי ווייט, איז זיכער נישט פאר אייך, ווייסט מען דען נישט אין הימל איז איר פארמאגט נישט קיין שפעזן.
- וועלטן קערן זיך איבער, מדינות צוקריגען זיך, כדי צוזאמ־ברענגען א חתן מיט זיין כלה!
- נישט אזוי לייכט טוט זיך, ווי ס'רעדט זיך.
- א מוצא מבין, ווי א קאץ אויף הייוון.
- א סגולה, צו וויסן לכתחילה, אויב איז דער בחור לשם ולתהלה, באטראכט'ס זיינ'ס א תפלה, צו ס'איז מילה במילה.

- כשושנה בין החוחים, פון צווישן דערנער ארויס, וואקסט א רויז, שיין און גרויס.
- אלעמאל דאכט זעך, אז ביי יענעם לאכט סעך, ביז מ׳קומט אן צום טיהר, זעהט מען, אז ס׳איז נאך ערגער ווי ביי מיר.
- מ׳זוכט א בחור וואָס וועט האבן שלום בית מיט זיין טאכטער אזוי ווי אין די ישיבה מיטן שטענדער.
- זוכט׳ס נישט פון אויבן נאר פון אונטן, אזוי וועט איר טוען א גלייכן שידוך.
- אז ס׳גייט נישט פון אונטען, פראבירט מען פון אויבען.
- אויף צו די חופה וועט עס שוין לאנג זיין אויסגעהיילט.
- אז ס׳איז נישט, ווערט נישט צו׳חוש׳ט. מישט איבער דאס בלעטל און זוכט עפעס בעסערס.
- דיין געלט מיט מיין תורה,ביידע הבל הבלים, לאמיר זיי איינטוישן און מאכן א חליפין.
- ווי תורה דארט איז סחורה.
- א גוטער נאמען גייט ווייט, א שלעכטער, נאך ווייטער.
- מיט ליגענט קומט מען אן גאנץ ווייט. אבער נישט אויף צוריק.
- א שידוך און א שמעק טאביק טוה נישט אפשלאגן, קודם גיב א שמעק איידער דו גייסט אוועק.
- נאך אתה בחרתנו בעט מען והשיאנו!
- וויאזוי ס׳בחור׳ט זיך אזוי בעל הבית׳ט זיך.
- העומד מן הצד, שטייטס אלע אין די זייט, און לאזט׳ס דעם רבוש״ע פירן!
- א צורבא מדרבנן און א עם הארץ מדאורייתא.
- אין א טשולענט מיט א שידוך טוט נישט צופול אריינקוקן, לאזט עס אויסקאכן, וועט איר זיך דערקוויקן.
- געלט מאכט שיין און מזל מאכט קליג.
- אז ס׳מאכט זיך, קראכט זיך א גלאז מיט א טעללער.
- זייט לבן׳ס בלאף, בלאפן די שדכנים.

- נישט אזוי גיך מאכטס זיך ווי ס׳דאכט זיך.
- מיט׳ן מאן איבער׳ן ים!
- נעמסט זיך אונטער צו זיין א מאן? גיבזשע פרנסה.
- קליינע קינדער טראגט מען אויף די הענט, גרויסע אויפן קאפ.
- נישט לאנג געטראכט, און דאך גיט געמאכט!
- דער כח פון א אידענע! אויסצושטעלן דעם מאן, וואָס קיינער האט נישט געקענט באוויזן.
- א חתן צו ווערן אויף די עלטער, איז מסוגל צו אריכות ימים, א סימן, מתושלח! שפעט חתונה געהאט און געלעבט דאס לענגסטע.
- נעם שנעל און טוה וואָס איז געפאסט, אז נישט וועסטו דאס אויך פאר׳פאסן!
- כ׳האב חתונה געהאט נאך פאר די קריג, גלייך דערנאך, האט זיך דאס אנגעהויבן.
- ביסט גארנישט אזוי גרויס, זאלסט זיך דארפען האלטן אזוי קליין.
- איר וועט האבן פון אים צו זינגען און צו זאָגן.
- גיי טאנץ אויף צוויי חתונות אין איין נאכט.
- ס׳דאכט זיך אז מ׳פארשיקט דאס אלטע, דערוועיל נעמט מען גאר אריין אויך דאס נייע.
- אלעס איינאיינעם איז נישטא ביי קיינעם. איינער האט דאס בייטל און דער צווייטער, די געלט.
- ביזטו דען דער גרויסער יחסן, צו לעכצן נאכ׳ן העכסט׳ן און זוכן דוקא דעם רייכסט׳ן?
- א שידוך דארף זיך קענען זאָגן ביים אנטראגן, זאגט זיך עס, איז עס געזאגט, אויב ס׳איז נאר אבי געזאגט איז עס געזאגט אויך נישט!
- ס׳איז אים געלונגען! ער האט אריינגעכאפט א קאזאק.
- פעמים שאתה צריך להתעלם, איז דער יסוד פון אלעם דאס שליסל פון א אידיש הויז צו וויסן ווי איין און ווי אויס.
- חתונה האבן איז ווי א פארמאכט לאנד, די פון אינדערויסען ווילן אריין, און די פון אינעווייניג ווילן ארויס.

- יעדע זייט מיינט אז ער איז דער וואָס האט געכאפט די מציאה, צום סוף דערזעהן זיך ביידע מיט יענע מציאה.
- יעדער טעפיל האט זיך זיין שטערציל.
- זכות אבות איז קיין קאטאוועס.
- דאס איז א בחור צו גאט און צו לייט.
- ס׳קלינגט נישט צו גוט, ס׳הערט זיך נישט געגוג הויעך.
- שיין ווי די לבנה? קען מען זי שוין מקדש זיין.
- מ׳לאזט נישט דעם חתן אויסרעדן, מ׳זינגט אריין און מיטן זאָגן, צו ווייזן אז מ׳מוז נישט אלץ אויספירן.
- ער איז אריינגעפאלן אין א שמאַלץ גרוב... דאס שמאלץ האט זיך צורינען און ער איז געבליבן שטעקן דערינען.
- דאס היטל זיינע איז צו גרויס פאר מיין קאפ. די שיך זיינע איז צו קליין פאר מיינע פיס.
- איין טאטע קען אויסהאלטן צען קינדער, און צען קינדער קענען נישט אויסהאלטן איין טאטן.
- א שידוך איז ווי א לייטער, אז מ׳שטעלט אים קרום, קען מען ארויפ׳קריכן.
- א איידעם איז א שטיק שווער.
- א שווער האט צוויי אפטייטשן, שווער צו טרעפן, אדער שווער צו דערהייבן.
- א ווייב מאכט פון מאן א נער אדער א האר.
- אומגעראכטן, און ס׳איז ווי געפלאכטן.
- א שוויגער דארף פארמאגן פיר שינ׳ס שלינגען, שווייגן, שמייכלען און שענקען.
- אז ס׳מאכט זיך, נישט וואָס מ׳וויל, מוז מען וועלן וואָס ס׳מאכט זיך.
- מ׳רעדט צו די טאכטער, און מיינען מיינט מען די שנור.
- יענעמ׳ס עוולות וויל מען נישט פארקוקן, דאס אייגענע האט מען זיך שוין לאנג מוחל געווען.
- די זעלבע יענטע נאר אנדערש געשלייערט.
- מ׳זוכט עפעס בעסער׳ס, מ׳בעסערט זיך, צום סוף דערזעט

מען אז דאס ערשטע איז נאך אלץ דאס בעסטע!

- קיינער זעהט נישט דעם אייגענעם הויקער.
- דער שידוך איז גאנץ גוט, נאר דער שדכן געפעלט מיר נישט.
- פון קרומע שידוכים, קומען ארויס גלייכע קינדער.
- צום שידוך וועט עס דיר נישט שאטן!
- א שוויגער מיט א שנור, פארען נישט אויף איין פיהר.
- אז ס'איז דא דער קרן, מעגסטו אויסהערן!
- אז די פרוי וועט האלטן איר מאן פאר א מלך, וועט ער האלטן איר פאר א מלכה.-אויב וועט אבער די פרוי זיך האלטן פאר א מלכה, וועט ער איר מאכען פאר א שפחה.
- א יעדער שידוך איז גוט אויף די מינוט, נאך א יאר, ווערט מען שוין געוואהר.
- אז דער רב איז זיך משדך מיט'ן בעדער, האלט זיך דער בעדער פאר א רב.
- דער עיקר איז דער קרן, דאס איבעריגע איז הכל רויח.
- א חתן זוכט מען ווי רבי עקיבא און דער שווער זאל זיין דער כלבא שבוע.
- פון איין זייט איז דער שידוך שוין לאנג פארטיג.
- דער זיידע איז א לייב, דער טאטע א בער, דער עיקר איז ווער איז ער!
- אין הימל זעה איך נישט, און אויף דער ערד וויל איך נישט.
- א מיידל, נישט קיין דריידל, נאר פיין און איידל.
- דעם שדכן שטראפט מען נישט פאר זיינע לגיונות, דאס איז א חלק פון זיין פאך.
- א בחור, א ברכה צו מאכן.
- דער חתן צו שלאסן, און די כלה ווי געגאסן.
- אז איינער ווערט ארים און דער צווייטער רייך, ווערט דער שידוך גלייך.
- יתרו א שטוב מיט זיבן טעכטער, און דאך אנגעטראפען א גוטן איידעם!

- א כלה כמו שהיא, דאס איז א כלה נאה וחסודה.
- אויב מ׳נעמט א פרוי העכער זיין יחוס, באקומט ער צו אזויפיל בעלי בתים, וויפיל קרובים זי פארמאגט.
- איידער חתונה צו האבען מיט א רייכע קעכערין, איז שוין בעסער א ארימע בעל הבית׳סטע.
- ביים רבונו של עולם איז נישטא קיין פארגעסענע און פארזעסענע.
- א מאן מיט א ווייב. זענען ווי איינס מיט׳ן נול.
- דער טאטע זוכט זיינס גלייכן, און די מאמע זארגט פאר׳ן קינד׳ס אינטערעסע.
- אז ס׳איז פארקניפט פון אויבען, מוז מען אמאל עפענען פון אונטען.
- וואס זוכסטו? וואָס כ׳וועל טרעפן דאס האב איך געזוכט.
- פאר דיר איז דאס א גאלדענער שידוך, יענער וואלט אפשר געקענט טרעפ׳ן בעסער׳ס.
- דער בחור לערענט תורה לשמה, מיט א מפיק הא.
- א שידוך ווי געגאסן, געטראפן אין ציהל, דער שלימזל מיט די שלימואל.
- אז א אלטער נעמט א אינגע, ווערט ער אינג און זי אלט.
- דער אבן הבוחן, וויאזוי איז דער תוכן!
- דאס ערשטע מיידל פירט דאס דריידעל.
- דער גרויסער איז זיך שוין גרייט צו בייגען, נעמט זיך דער קליינער שטייגען און וויל נישט קומען א קייגען.
- גוטע ווארע ווערט געפאקט אין קליינע פעקלעך
- טייערע דימאנטען קומט געמאכט אין קליינעם.
- א שידוך איז ווי א אתרוג, פאר די צייט, איז צייט צו זוכען אז ס׳קומט דער זמן נעמט מען וואָס איז בנמצא.
- שטעל דיך נישט אריין, אין א באן, ווי דו פארנעמסט נישט קיין ארט, גיי דארט, ווי דו האסט א ווארט.

- לויף נישט נאך א וואגען, וואָס דו קענסט נישט דעריאגען, כאפּ דיך ארויף, ווי מ׳נעמט דיך אויף.
- חתן-כלה באגלייטען אלע, און מ׳פירט זיי אונטער, זיי זאלען גיין פאוואליע.
- ווען ס׳קומט אן דער באשעהרטער, ווערט עס מיט צוויי ווערטער.
- אבער ס׳קלאפּט, אבער מ׳קלאפּט זיך.
- די כלה א ברילִיאנט, דער חתן אן אנטיק, און אלעס איז פול מיט גליק.
- זוכסט דיר דיינס גלייכן און פונעם קינד האסטו אינגאנצן פארגעסן.
- די חמשה קולות ווערט צוטיילט צווישןביידע, אז איינער וויינט, דערפרייד די צווייטע, נאך איין שטימע, בלייבט דער צווייטער שטום.
- דריי דיך אין מארק מיטן קאפּ ארויף, ווי איידער ביים טאפּ מיט די נאז אראפּ.
- נישט געזאגט, איז שוין אסאך געזאגט.
- האָרכן זאלסטו יעדן, און טוען ווי די אליין פארשטייסט.
- גיבסטו, ביזטו!
- געלט איז טאקע גארנישט, אבער אן דעם ביסטו גארנישט.
- די נשים צדקניות זענען משלים דעם קישוי השעבוד.
- זאל דער שטאל צופאלן, מ׳איז אבער געבליבן מיט די סחורה.
- רחל לאה, מ׳גייטסט אין די רייע, ווי לאנג מ׳האט נאך אויף זיי די דיעה, שפּאָרט מען זיך א מאה.
- א בעל-בית׳טע איבער א הייפל קרויט.
- א נגיד׳סטע איבער א קאטשערע מיט א לאפּעטע.
- א שידוך—ווי דער לאנגער על חטא מיט׳ן גרויסן והוא רחום.
- א שידוך—ווי דער קורצער פרייטאג מיטן לאנגן שבת הגדול.
- געטרייע עלטערן, טייערע קינדער, געטרייע קינדער, טייערע עלטערן.
- נישטא קיין געטרייער׳ס ווי אן אייגן ווייב.

- דער שלום בית ליגט אין דעם שיסל.
- ס'איז שווער צו זיין א איד, נאך שווערע פון דעם, צו זיין א אידענע.
- ש'קר ד'זבר כ'סף נ'זטל (ר"ת שדכ"ן), ליגענט זאגר, אבער געלט נעמט ער.
- כ'י ש'יבר ד'לתות נ'חושת (ר"ת שדכ"ן), וואס קען צוברעכן קופערנע טויערן, פון פארמאכטע הערצער, און העלפט ארויס, צו בויען א אידיש הויז.
- כ'מעט ש'כנה ד'ומה נ'פשי (ר"ת שדכ"ן), ווען מ'איז שוין כמעט צוגעלייגט, קומט ער און דערפרייד, טראגט אן א זאך, און ס'ווערט גלייך.
- ש'פתי כ'הן י'שמרו ד'עת ו'תבונה (ר"ת שידו"ך), דורך א שדכן א בר שכל, מיט א גוט ווארט און א שמייכל, ווערט געשמירט, דער שידוך אויסגעפירט.